E 178
.B11
Copy 1

THE LIBRARY OF CONGRESS

האַרקאַווי׳ס פאָלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווערטער־בוך איז דער גרעסטער פּאַטש אין פּנים דיא יעניגע, וואס האַבען אויסגעטראַכט, אז דער איד אין אמעריקא וויל נור לעזען אויסגעטראַכטע ראָמאַנען, אבער לערנען וויל ער קיין זאַך. דיעזער ווערטערבוך און זיין שנעלער ערפאָלג בעווייזט, אז דאס איז שקר וכזב! — אמת, ער אונטערהאַלט זיך און פערברייננט א ווײַלע אין לעזען איין אנציעהענדען ראמאַן, אבער ער וויל מעהר לערנען וויא לעזען. דער רוסישער און פּוילישער איד וויל אימער וויסען וואס ער ווייס נאך ניט. אין רעכטען מיטען האַנדעל און וואַנדעל זוכט דער איד צו פערגרעסערען דעם סטאַק פון זיין בילדונג אין א פרעמדע שפּראַך.

JAN 28 1949

האט געגעבען איהר אורטהייל, אז ער איז דער פאָלשטענדיג־סטער ענגלישער ווערטערבוך אין אלע פרעמדע שפראכען (אוי־סער דער בעריהמטער פראנצויזישער ווערטערבוך פון La Rouse). קיין אנדער שפראך קען זיך ריהמען מיט אזא פאלשטענדיגען ענגלישען ווערטערבוך, וועלכער וועט בלייבען דער שטאָלץ פון רוסישע און פוילישע אידען אין אמעריקא.

פיעלע איינגעוואנדערטע, וואס קענען יעצט דיא ענגלישע שפראך וועלען אייך עדות זאָגען, אז זיי האבען זיך אויסגעלע־רענט ענגליש נור מיט דער הילף פון הארקאווי'ס „פאָל־שטענדיגעם ענגליש־אידישעס ווערטערבוך" אָהן א לעהרער און אהן א לעהרבוך. זיי האבען באלד גענומען לעזען א צייטונג, אין ענגלישען בוך וואס איז געשריעבען אין א פאפולערע, לייכ־טע שפראך און האבען יעדען וואָרט נאכגעזוכט אין ווערטערבוך און אין א קורצע צייט האבען זיי זיך אויסגעלערענט ענגליש.

איהר זאָלט ניט פערגעסען, אז דער גורל פון א ווערטערבוך איז ניט וויא פון איין אנדער ווערק: ווען איהר קויפט א בוך און איהר לעזט איהם דורך, לעגט איהר עס אוועק אין ווינקעל פאָ־ליצע און איהר נעהמט עס זעהר זעלטען נאך א מאל אין דער האנד. אבער צו א ווערטערבוך מוזט איהר אימער אנקומען. יעדעס מאל ווען אייך איז פרעמד איין ענגלישעס וואָרט בלע־טערט איהר אויף אייער שטומען פריינד — דעם ווערטערבוך און אין וועניגער וויא א האלבע מינוט געפינט איהר דיא בע־דייטונג פון וואָרט וואס איהר ווילט וויסען. איהר פיהלט דאן זעהר איין אנגענעהמען גייסטיגען פערגעניגען.

אידישער פערפאסער וואס איז געקרוינט געווארען מיט אזא פּאָפּולאַריטעט.

פון דעם שנעלען פערקויף זעהט מען זעהר דייטליך, אז אונזערע אידען אין אַמעריקע בילדען זיך, לערנען גרינדליך די אענגלישע שפּראַך און וויסען וואס עס העלפּט זיי צו ווערען געבילדעט, אינטעליגענט. זיי וויסען, אז ווען מען וויל וויסען די גענויע, ריכטיגע בעדייטונג פון א וואָרט מוז מען אנקומען נור צו מאַמע־לשון, די שפּראַך וואס מיר האבען געזויגען פון קינד־וויז מיט דער מילך פון אונזער מוטער.

האַרקאַווי׳ס „פּאָלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווערטערבוך" איז אזוי וויכטיג און נויטהיג ניט נור דערפאַר, וואס ער איז איין ענגלישער ווערטערבוך ערקלעהרט אין יודיש, ניין, דאס איז נאך גאר ניט; זאָנדערן ער איז א וואַהרער בלום צווישען די פערשיעדענע ענגלישע ווערטערביכער וואס מיר האבען אין פערשיעדענע שפּראַכען, — עס איז ניטא איין וואָרט אין דער ענגלישער שפּראַכע, וואס זאל זיך ניט געפינען אין דיעזען ווערטערבוך. דארום ווערט איהר זעהר אפט בעגעגנען דזשאַדזשעס, לאָיערס, לעהרער, זשורנאַליסטען או. ד. ג. האַלטען צו יעדער צייט אויף זייער שרייב־טיש האַרקאַווי׳ס „פּאָלשטענדיגעס ענגליש יודישעס ווערטערבוך". ניט נור אין אַסטאָר לייבּרערי, נור כמעט אין אלע גרויסע לייבּרערים פון יונייטעד סטייטס געפינט איהר דיעזען ווערטערבוך.

די „ניו יאָרק וואָרלד" אין איהר רעצענזיאָן איבער האַרקאַווי׳ס פּאָלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווערטערבוך

וועט זיך איהם בעצאָהלען פיר זיין מיה און דעם גרויסען קאַפּי־טאל וואס ער וועט אין אזא ריזען ווערק אינוועסטען. ער האט שוין גוט נעוואוסט וואס אידען פעהלט אין אמעריקא, ער איז נעווען איבערצייגט, אז אזא וויכטיגעס ווערק מוז האבען ערפאָלג, עס מוז באלד אנערקענט ווערען פון אלע קלאסען אידען, און ער האט טאקי געטראָפען. דען הארקאווי׳ס „פאָלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווערטערבוך“ איז אין א צייט פון 5 יאהר דריי מאל איבערנעדרוקט נעווארען. אזא גרויסע ווערק, א ווערק צום שטודירען אין אידעש איז אין פינף יאָהר צייט פערקויפט געווארען דריי אויפלאגעס! דאס איז געווען מעהר אלס אלע ערוואר־טונגען!

וואו זיינען אהינגעקומען דיא טויזענדע עקזעמפּליארען פון דער ערסטע און צווייטע אויפלאגע? — מען האט דאס אויסגע־קויפט, אידען האבען דאס צוחאפּט! אידען רייך און ארם האָ־בען געצאָהלט פיער דאלער מיט פונפציג סענט פיר א בוך, און ניט א קליינע צאָהל, נור אייניגע טויזענד פאָלשטענדיגע ענגליש־יודישע ווערטערביכער איז פערקויפט געוואָרען אין פינף יאהר צייט. — דיעזער אלגעמיינער אנערקענונג האט דעם פּאָבלישער נעגעבען דיא מעגליכקייט צו דרוקען דעם זעלבען ווערטערבוך, מיט פיעל פערמעהרונגען און פערבעסערונגען א דריטען מאל און צו מאכען דעם פרייז שוין ביליגער, נור **2.25** דאלער אנשטאט פיער דאלער מיט פונפציג סענט. — אזא ערפאָלג פון א טהייערעס ווערק אין אזא קורצע צייט איז א נייעס אין דער אידישער געשיכטע. הערר אלכסנדר הארקאווי איז דער ערסטער

# דאס וויכטיגסטע

„וואס איז א בוך?“ פרעגט וויליאם שעקספיר, און ער אליין ענטפערט:

„א בוך איז בריהלען, דורך וועלכע מיר קענען אנקוקען די נאטור פנים-אל-פנים“.

געוויס, א גוטער בוך איז פאר אונז בריהלען אריינצוקוקען די נאטור אין איהרע פערבארגענסט חדרים׳ליך, אבער צו לעזען אזא בוך דארפען מיר האבען בריהלען, און די בריהלען פיר ביכער איז א גוטער ווערטערבוך. נעהמט למשל א פראפעסאר פון דער ענגלישע שפראך אין איין אוניווערזיטעט. ער קען דאכט זיך זיין מוטער-שפראך גרינדליך, פון דעסטוועגען וועט איהר אימער געפינען א ווערטערבוך אויף זיין טיש, ווייל עס איז אונמעגליך אז א מענש זאל וויסען אדער געדענקען אלע ווערטער פון דער ענגלישער שפראך מיט זייערע פערשיעדענע בעדייטונגען. מיר געפינען אימער א ווארט, וואס מיר ווייסען ניט זיין בעדייטונג, אדער מיר ווייסען איין בעדייטונג פון דעם ווארט, נור ניט די איינינע אנדערע בעדייטונגען וואס דער זעלבער ווארט האט.

ווען דער פאבלישער פון הארקאווי׳ס „פאלשטענדיגעס ענגליש-יודישעס ווערטערבוך“ האט אין 1893 אונטערנומען אזא שווערע אויפגאבע הערויסצוגעבען א פאלשטענדיגען ענגלישען ווערטערבוך פיר אידען האט ער אין פאראויס געזעהן, אז עס

# לייכט צו ווערען א סיטיזן!

עס איז ערשיענען א בראָשורע, „דער אמעריקאנער סיטיזן" וועלכע לערנט אויס וויא צו ווערען אן אמע-ריקאנער בירגער (סיטיזן). אין דיעזער בראָשורע איז דאָ אלע פראגען וואָס דער דזשאָדזש (ריכטער) קען פרעגען און וואָס דער בירגער-קאנדידאט דארף ענטפערן אויף דיא פראגען. אלעס אין ענגליש און אידיש. עס פעהלט קיין איין פראגע ניט, וואס דער דזשאָדזש קען פרעגען. דיעזע בראָשורע לערנט אויס אלעס וואָס א סיטיזן מוז קענען און וויסען. דיעזע ניצליכע בראָשורע

**☜ קאסט בלויז 5 סענט. ☞**

אויך ניט קיין איינצעלנער שטאאט זאלען אנערקענען אדער צאה־לען שולדען אדער פערפּפליכטונגען, וועלכע זיינען געמאכט געוואָ־רען צו העלפען אן אויפרוהר אדער אויפשטאנד געגען דיא פער־איינינגטע שטאאטען, אדער פיר וועלכע פרעטענזיע (תביעה) עס איז וועגען דער פערליערונג אדער בעפרייאונג פון א שקלאף; אלע אזעלכע שולדען פערפּפליכטונגען און פרעטענזיעס זאלען בע־טראכטעט ווערען פיר אונגעזעצליך און ניכטיג.

אבשניט 5. דער קאנגרעס זאל האבען דיא מאכט דורך געהעריגע געזעצ־געבונג צו צווינגען, אז דיא פונקטען פון דיזען ארטיקעל זאלען אויסגעפיהרט ווערען.

## ארטיקעל xv.

אבטהיילונג 1. דאס שטים־רעכט פון דיא בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען זאל דורך דיא פעראייניגטע שטאאטען אדער דורך אן איינצעלנעם שטאאט ניט צוריקגעהאלטען אדער נעקירצט ווערען וועגען ראסע (נאציאן), קאלאר (הויט פארב) אדער וועגען פריהערע קנעכטשאפט.

אבטהיילונג 2. דער קאנגרעס זאל האבען דיא מאכט צו צווינגען, אז דיזער ארטיקעל זאל אויסגעפיהרט ווערען, דורך גע־העריגע געזעצ־געבונג.

## ע נ ד ע

ברעכען — זאָל דיא צאָהל פון דיא פערטרעטער פון דעם דאָזי־
גען שטאאט פערקלענערט ווערען לויט דער פראָפּאָרציע פון דער
צאָהל פון דיזע מענליכע בירגער צו דער גאנצער צאָהל פון דיא
21-יעהריגע מענליכע בירגער אין דעם בעטרעפענדען שטאאט.

אבשניט 3. קיינער זאָל ניט קענען ווערען א סענאטאָר
אָדער פערטרעטער אין קאָנגרעס, אדער אן עלעקטאָר פיר פּרע־
זידענט אָדער וויס־פּרעזידענט, אדער האלטען א ציוויל־אָדער
מיליטער אַמט אונטער דיא פעראייניגטע שטאאטען, וועלכער
האָט נאָך דעם, וויא ער האָט געגעבען א שבועה אלס א קאָנ־
גרעסמאן אדער אלס בעאמטער פון דיא פעראייניגטע שטאא־
טען, אָדער אלס מיטגליעד פון דער געזעצ־געבענדער פערזאמלונג
פון א שטאאט, אדער אלס עקזעקיוטיוו אדער געריכטליכער בע־
אמטער פון א שטאאט, צו אונטערשטיצען דיא קאָנסטיטיושאָן
פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, גענומען אנטהייל אין אן אויפ־
רוהר אדער אויפשטאנד געגען זיי (דיא שטאאטען), אָדער געגע־
בען הילף און שוץ צו זייערע פיינדע; אבער דער קאנגרעס מעג,
דורך דיא שטימע פון צוויי דריטעל פון יעדען הויז, הערא֜בנעה־
מען דעם פּסול און צוריק מאכען פעהיג.

אבשניט 4. וועגען דער גילטיגקייט פון דער פּאָלקסשולד
פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע איז אנערקענט דורך גע־
זעץ, דארונטער אויך דיא שולדען, וועלכע זיינען געמאכט געוואָ־
רען פיר דיא צאהלונג פון פענסיע און בעלוינונגען פיר דיענסטע
צו אונטערדריקען אן אויפרוהר אדער אויפשטאנד, זאל קיין
פראגע ניט זיין. אבער ניט דיא פעראייניגטע שטאאטען און

## ארטיקעל XIV.

אבשניט 1. אלע פערזאָנען, וועלכע זיינען געבאָרען אָדער נעוואָרען בירגער אין דיא פעראייניגטע שטאאטען און זיינען אונ־טערוואָרפען אונטער זייער רעגיערונג, זיינען בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען און פון דעם שטאאט, אין וועלכען זיי וואוינען. קיין שטאאט זאָל ניט מאכען אָדער אָנווענדען א גע־זעץ, וועלכעס זאָל קירצען דיא רעכטע און פרייהייטען פון דיא בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען; אויך זאָל קיין שטאאט אויעקנעהמען ביי א פערזאָן דאס לעבען, דיא פרייהייט אדער דאס אייגענטהום אהן א גערינטליכען פּראָצעס, אויך ניט ענט־זאגען קיין פערזאן, וואס געפינט זיך אין זיינע גרענצען, דעם גלייכען שוץ פון דיא געזעצע.

אבשניט 2. פערטרעטער זאלען ערוועהלט ווערען אין יעדען פון דיא פערשיעדענע שטאאטען קויט דער צאָהל פון דיא איינ־וואוינער, רעכענדיג אלע פערזאָנען אין יעדען שטאאט אויסער אינדיאַנער, וועלכע זיינען ניט בעשטייערט. אָבער ווען דאָס רעכט צו שטימען ביי א וואהל פון עלעקטאָרס פיר פרעזידענט און וויס־פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, פיר פערטרע־טער אין קאָנגרעס, עקזעקיוטיוו און גערינטליכע בעאמטע פון א שטאאט אָדער מיטגליעדער פון דער געזעץ־געבענדער פערזאמ־לונג פון א שטאאט, ווערט צו מאנכע 21 יעהריגע מענליכע איינוואוינער און בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען ניט נעגעבען אָדער אויף וואָס פיר אן ארט עס איז געקירצט — אוי־סער פיר אנטהייל אין אן אויפשטאנד אדער פיר אן אנדער פער־

מען פיר וויים־פרעזידענט זאל זיין דער וויים־פרעזידענט — ווען דיזע צאָהל איז א מאַיאָריטעט פון דער גאַנצער צאָהל וואהל־מענער, וועלכע ווערען ערנענט; און ווען קיין פערזאן האט א מאַיאָריטעט, דאן זאָל דער סענאט פון דיא צוויי העכסטע שטימ־צאהלען פון דער ליסטע וועהלען דעם וויים־פרעזידענט; דיא נויטהיגע צאל, וועלכע דארף זיין פערזאמעלט צו דיזען צוועק זאל בעשטעהען פון צוויי דריטעל פון דער גאַנצער צאהל סענאַטאָרען, און אויסצווועהלען (דעם וויים־פרעזידענט) איז נויטהיג א מאַיאָריטעט פון דער גאַנצער צאָהל. אָבער קיין פערזאָן, וועלכע קען ניט לויט קאָנסטיטיושאָן געוועהלט ווערען פיר פרע־זידענט זאָל קענען געוועהלט ווערען פיר דאָס אמט פון וויים־פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

## ארטיקעל XIII.

אבטהיילונג 1. קיין שקלאפעריי און קיין געצוואונגענע דיענסט, אויסער אלס א שטראפע פיר פערברעכען אין וועלכען דיא פער־זאן וועט אויף א געהעריגע ארט ערקלערט ווערען פיר שולדיג, זאל עקסיסטירען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען אדער ערגעץ אין אן אָרט, וועלכער איז אונטערוואַרפען אונטער זייער רע־גיערונג.

אבטהיילונג 2. דער קאָנגרעס זאָל האָבען דיא מאכט דורך געהעריגע געזעצגעבונג צו צווינגען, אז דיזער ארטיקעל זאָל אויס־געפיהרט ווערען.

זאָל פאר דעם סענאַט און דעם פערטרעטער־הויז עפענען אלע בעשטעטיגונגען (צעטלען) און דיא שטימען זאלען דאן געצעהלט ווערען; — דיא פערזאָן, וועלכע האט דיא גרעסטע צאהל שטי־מען פיר פרעזידענט זאל זיין דער פרעזידענט, ווען דיזע צאהל איז דיא גרעסטע העלפט (מאיאריטעט) פון דער גאנצער צאהל וואהל-מענער, וואס זיינען ערנענט געווארען; און ווען קיין פער־זאָן האט אזא מעהרהייט פון שטימען דאן זאל באלד דאס פערטרעטער־הויז דעם פרעזידענט ערוועהלען פון דיא פערזאנען, וועלכע האבען דיא העכסטע צאהל שטימען, אבער דיזע פערזא־נען זאלען זיין ניט מעהר אלס דריי פון דעם צעטעל פון דיא, וועלכע ווערען געשטימט פיר פרעזידענט. אבער וועהלענדיג דעם פרעזידענט זאלען דיא שטימען גענומען ווערען נאָך דיא שטאאטען, דאס הייסט אלע פערטרעטער פון יעדען שטאאט זאלען האבען צוזאמען איין שטימע; דיא נויטהיגע צאהל, וועל־כע דארף זיין פערזאמעלט צו דיזען צוועק, זאל בעשטעהן פון איינעם אדער עטליכע מיטגליעדער פון צוויי דריטעל פון דיא שטאאטען און אויסצו־וועהלען (דעם פרעזידענט) איז נויטהיג א מאיאריטעט פון אלע שטאאטען, און ווען דאס פערטרעטער־הויז ערוועהלט נאָך אלץ קיין פרעזידענט אין דער צייט ווען עס איז זייער רעכט צו וועהלען ביז דעם פערטען מערץ פון דעם קומענדיגען יאהר, דאן זאל דער וויס־פרעזידענט פערנעהמען דעם ארט פון פרעזידענט וויא אין דעם פאל, ווען דער פרע־זידענט שטארבט אדער ווען ער ווערט לויט קאנסטיטושאָן אונפעהיג. דיא פערזאן, וועלכע האָט דיא גרעסטע צאהל שטי־

און אויך נים פערבאטען, געהערען צו יעדען פון דיא שטאאטען אדער צום פאָלק.

אַ ר ט י ק ע ל XI. — דיא ריכטערליכע מאכט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען זאָל ניט אויסגעדייטעט ווערען אזוי, דאָס זיא זאל זיך קענען אויסברייטען אויף אַ פראָצעס פון געזעץ אָדער גערעכטיגקייט, וועלכער האָט זיך אָנגעהייבען אדער איז פאָרגענומען געוואָרען גענען איינעם פון דיא פעראייניגטע שטאאַטען דורך בירגער פון אַן אנדערן שטאאט, אדער דורך בירגער אדער אונטערטהאנען פון איין אויסלענדישען שטאאט.

אַ ר ט י ק ע ל XII. — דיא וואהל-מענער זאָלען זיך פערזאמלען אין זייערע בעזונדערע שטאאטען און שטימען פער באַלאט (שטים-צעטעל) פיר פרעזידענט און וויס-פרעזידענט, פון וועלכע ווענינסטענס איינער זאָל ניט זיין קיין איינוואוינער פון דעם זעלביגען שטאאט מיט זיי; זיי זאָלען אין זייערע באַלאָטס בעצייכנען דיא פערזאן, וועלכע ווערט געשטימט פאר פרעזידענט, און אין בעזונדערע צעטלען דיא פערזאן, וועלכע ווערט געשטימט פיר וויס-פרעזידענט; און זיי זאלען מאכען בעזונדערע צעטלען פון אלע פערזאנען, וועלכע ווערען געשטימט פיר פרעזידענט, און פון אלע פערזאנען, וועלכע ווערען געשטימט פיר וויס פרעזידענט, און פון דער צאהל שטימען פיר יעדען, און זיי זאלען דיזע ליסטען אונטערשרייבען און בעשטעטיגען און אוועקשיקען פערזיעגעלט צו דעם ארט וואו עס זיצט דיא רעגירונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען. אדרעסירט צום פרעזידענט פון דעם סענאט; — דער פרעזידענט פון דעם סענאט

דעם אנגעקלאָגטען זאל ערקלערט ווערען, אין וואס דיא קלאגע בעשטעהט און דער גרונד, אויך וועלכען זיא ווערט געמאכט; מען זאל איהם אויג אויף אויג צוזאמענבריינגען מיט דיא עדות, וועלכע טרעטען אויף געגען איהם; ער זאל האבען דאס רעכט אנצו־ווענדען מאכט צו שאפען עדות פיר זיינע נוצען און צו האבען דיא הילפע פון אדוואָקאטען פיר זיין פערטהיידיגונג.

ארטיקעל VII. — אין געוועהנליכע ציוויל פראָצעסען, אין וועלכע דיא שטרייט זאך איבערשטייגט דעם ווערטה פון צוואנציג דאָלאר, זאָל דאס רעכט צו פיהרען דעם פראָצעס פאר א דזשורי ערהאלטען ווערען, און קיין פאל, וועלכער ווערט פער־האנדעלט פון א דזשורי, זאל אין קיין געריכטס הויז פון דיא פעראייניגטע שטאאטען פערהאנדעלט ווערען נאך א מאָל אנדערס וויא דיא פאָרשריפטען פון דיא געוועהנליכע בירגערליכע געזעצע לויטען.

ארטיקל VIII. — עס זאל ניט פערלאנגט ווערען צו גרויסע בייל (ערבות), אויך זאל ניט הערויפגעלעגט ווערען צו גרויסע געלד־שטראף, און ניט גרויזאמע און אונגעוועהנ־ליכע שטראפען.

ארטיקעל IX. — דיא אויסרעכנונג פון געוויסע רעכטע אין דער קאנסטיטיושאָן זאל ניט אויסגעלעגט ווערען צו פערלייקע־נען אדער צו פערקלענערן אנדערע רעכטע, וועלכע דאס פאלק האָט בעהאלטען.

ארטיקעל X. — דיא פאלמאכטען, וועלכע ווערען דיא פעראייניגטע שטאאטען דורך דיזע קאָנסטיטיושאָן ניט געגעבען

וועלכע זיינען בעשטעטיגט דורך א שבועה אדער פערזיכערונג און וועלכע בעשרייבען גענוי דעם ארט, וואס דארף דורכגעזוכט ווערען, און דיא פערזאנען אדער זאכען, וועלכע דארפען גענומען ווערען אין ארעסט.

ארטיקעל V. — קיין פערזאן זאל פעראנטווארטליך געהאלטען ווערען פיר א פערברעכען, וועלכעס ווערט בעצאהלט מיט'ן לעבען, אדער זאנסט פיר א געמיינעם פערברעכען, סיידען דורך דיא אנקלאגע אדער ענטשיידונג פון א גרענד דזשורי, אויסער אין אזעלכע פעלע, וועלכע קומען פאר אין דעם לאנד-מיליטער און מארינ-מיליטער אדער אין דער מיליץ, ווען זיא איז אין ווירקליכער דיענסט אין צייט פון קריעג און עפענטליכע גע-פאהר; אויך זאל קיינער פיר דאס זעלביגע פערברעכען ניט גע-שטעלט ווערען צוויי מאל אין געפאהר פון פערליערען זיין לעבען אדער געמאטערט צו ווערען; אויך זאל קיינער אין א קרימינאל פראצעס ניט געצוואונגען ווערען צו זאגען עדות געגען זיך אליין, אויך ניט בערויבט ווערען פון זיין לעבען, פרייהייט אדער אייגענ-טהום אהן דעם געהעריגען פראצעס פון געזעץ, אויך זאל קיין פריוואט איינענטהום צוגענומען ווערען פיר דיא נוצען פון פוב-ליקום, אהן א געהעריגע פערגיטיגונג דאפיר.

ארטיקעל VI. — אין אלע קרימינעלע פראצעסען זאל דער אנגעקלאגטער האבען דאס רעכט צו אן עפענטליכען און גיכען פראצעס דורך אן אונפארטייאישע דזשורי פון דעם שטאאט און בעצירק וואו דאס פערברעכען איז בעגאנגען געווארען. דיע-זער בעצירק זאל פריהער דורך געזעץ פעסטגעשטעלט ווערען און

# ענדערונגען און אויסבעסערונגען

## צו דער קאָנסטיטיושאָן פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע זיינען בעשטעטיגט און אנגענומען געווארען לויט דיא פונקטען פון דעם פינפטען ארטיקעל פון דער קאָנסטיטיושאָן.

ארטיקעל I. — דער קאנגרעס זאל ניט מאכען קיין געזעץ וועגען רעליגיאָן אָדער אונטערדריקען רעליגיאנס־פרייהייט אָדער קירצען דיא פרייהייט פון רעדען און שרייבען, אָדער דאָס רעכט פון פאלק זיך פריעדליך צו פערזאמלען און צו בעטען דיא רעגיערונג גוט צו מאכען געוויסע אונרעכטען.

ארטיקעל II. — אזוי וויא א גוט געארדנעטע מיליטער־מאכט איז נויטהיג פיר דיא זיכערהייט פון א פרייען שטאאט, זאָל דאס רעכט פון פאלק צו האלטען און טראָגען געווער ניט צו־גענומען ווערען.

ארטיקעל III. — קיינע סאָלדאטען זאָלען, אין צייט פון פריעדען איינגעקוואטירט ווערען אין א הויז אָהן דעם ווילען פון דעם אייגענטהימער, און אין צייט פון קריעג נאר אויף אזא ארט, וויא עס וועט בעשטימט ווערען דורך געזעץ.

ארטיקעל IV. — דאס רעכט פון בירגער צו זיין זיכער מיט זיך, מיט זייערע הייזער, פאפיערען און אייגענטהומס־אר־טיקלען געגען אונגערעכטע אונטערזוכונגען און ארעסטען, זאָל ניט איבערגעטראטען ווערען, און פערהאפטס בעפעהלען (וואר־ראנטס) זאלען נאר הערויסגעגעבען ווערען אויף גוטע גרינדע,

NORTH CARROLINA.

William Blount,
Richard Dobbs Spaight,
Hugh Williamson.

DELAWARE.

George Reed,
Gunning Bedford Jr.
John Dickinson,
Richard Bassett,
Jacob Broom.

SOUTH CAROLINA.

John Rutledge,
Charles C. Pinckney,
Charles Pinckney,
Pierce Butler.

MARYLAND.

James McHenry,
Daniel of St. Thomas.

JENIFER,

Daniel Carroll.

GEORGIA.

William Few,
Abraham Boldwin.

*William Jackson Secretary.*

דיזעס צו בעציינגען האבען מיר דא אונטערגעצייכענט אונ־
זערע נעמען.

GEORGE WASHINGTON,

*PRESIDENT and DEPUTY OF VIRGINIA.*

NEW HAMPSHIRE.

John Langdon,
Nicholas Gilman,

MASSACHUSETTS.

Nathaniel Gorham,
Rufus King.

CONNECTICUT.

William Samuel Johnson,
Roger Sherman.

VIRGINIA

John Blair
James Madison, Jr.

NEW YORK.

Alexander Hamilton.

NEW JERSEY.

William Livingston,
David Brearley,
William Paterson,
Jonathan Dayton.

PENNSYLVANIA.

Benjamin Franklin,
Thomas Mifflin,
Robert Morris.
George Clymer,
Thomas Fitzsimons,
Jared Ingersoll,
James Wilson,
Gouverneur Morris.

ריכטער אין יעדען שטאאט זאלען דורך דיזעס געזעץ זיין געבונ־
דען, ווען אויך עטוואס אין דער קאנסטיטיושאָן אדער געזעצע פון
א בעזונדערן שטאאט איז געגען דעם.

3. דיא סענאטאָרען און פאלקס־פערטרעטער, וויא אויך
דיא מיטגליעדער פון דיא סטייט־לעדזשיסלייטשורס און אלע
עקזעקיוטיוו און געריכטס־בעאמטע סיי פון דיא פעראייניגטע
שטאאטען סיי פון דיא איינצעלנע שטאאטען, זאלען דורך א
שבועה אדער עהרנ־ווארט געבונדען זיין צו אונטערשטיצען דיזע
קאָנסטיטיושאָן; אבער קיין שום פערהער אין רעליגיאן זאל גע־
פאָרדערט ווערען אלס בערעכטיגונג צו אן אמט אדער עפענט־
ליכע שטעלע אונטער דיא פעראייניגטע שטאאטען.

## ארטיקעל VII.

דיא בעשטעטיגונג פון דיא „קאנווענשאנס" פון ניין שטאא־
טען זאל זיין גענוג אום צו זעצען אין קראפט דיא קאנסטיטיושאָן
צווישען דיא שמאאטען, וועלכע שטימען אויף אזא ארט צו.

דיזעס איז געמאכט געווארען מיט דעם איינשטימיגען בע־
שלוס פון דיא אנוועזענדע שטאאטען, דעם 17טען סעפּטעמבער,
אין דעם יאהר 1787, און אין דעם צוועלפטען יאהר פון דער
אונבהענגיקייט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

גען, וועלכע זאלען אין אלע פעלע און פיר אלע צוועקען האבען א קראפט, וויא א טהייל פון דיזער קאנסטיטיושאן, אזוי באלד וויא זיי ווערען בעשטעטיגט דורך דיא לעדזשיסלייטשורס פון דריי פערטעל פון דיא פערשיעדענע שטאאטען אדער ביי דיא קאָנ־ווענשאָנס איי דריי פערטעל פון דיא שטאאטען — יענע אדער דיזע ארט פון בעשטעטיגונג — וויא דער קאנגרעס וועט בע־שטימען; מיט דעם תנאי, דאס קיין ענדערונג, וואס ווערט גע־מאכט פאר דעם יאהר 1808, זאל פיר קיין פאל ניט בעריהרען דעם ערסטען און פערטען פאראגראף און דעם 9טען אבטהיילונג פון דעם ערשטען ארטיקעל, און דאָס קיין שטאאט זאל אהן זיין אייגענער צושטימונג פערליערען זיין גלייכעס שטים־רעכט אין דעם סענאט.

## ארטיקעל .VI

1. אלע שולדען און פערפפליכטונגען, וועלכע זיינען געמאכט געווארען איידער דיזע קאנסטיטיושאָן איז אנגענומען געווארען, זאלען האבען דיא זעלביגע קראפט געגען דיא פעראייניגטע שטאאטען אונטער דיעזער קאנסטיטיושאן וויא אונטער דער קאָנפעדערייישאן (דיא פריהערדיגע פערוואלטונג).

2. דיזע קאנסטיטיושאָן און דיא געזעצע פון דיא פעראייניג־טע שטאאטען, וועלכע וועלען לויט איהר געמאכט ווערען; אויך יעדער ביזהעריגער אדער ווייטערדיגער אבמאך, וואס וועט גע־מאכט ווערען אונטער דער רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, זאלען זיין דאס העכסטע געזעץ פון דעם לאנד; און דיא

שטאאטען, אדער טהיילען פון שטאאטען, אָהן דער צושטימונג פון דיא געזעצ־געבער פון דיא שטאאטען, וועלכע זיינען אין דעם בעטראפען, וויא אויך פון דעם קאָנגרעס.

2. דער קאנגרעס זאל האבען דיא מאכט צו פערוואלטען און צו מאכען דיא נויטהיגע רעגלען און בעשטימונגען איבער לאנד אדער אנדערעס אייגענטהום, וועלכעס געהערט צו דיא פעראייניגטע שטאאטען; און קיין זאך זאל אין דיזער קאנסטיטושאן ווערען אויסגעלעגט צום שאדען פיר דיא רעכטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען אדער פון וועלכען איינצעלנעם שטאאט.

אבטהיילונג IV. — דיא פעראייניגטע שטאאטען זאלען גאראנטירען יעדען שטאאט, וואס געהערט צו דיזען יוניאן, א רעפובליקאנישע ארט רעגיערונג און זאל שיצען יעדען פון זיי געגען א בעפאל פון אויסען, און אויף דעם פערלאנג פון דעם לעדושיסלייטשור אדער פון דעם עקזעקיוטיוו (ווען דאס לעדזשיסלייטשור קען ניט צוזאַמענגערופען ווערען) געגען אינערליכע אונרוהען.

## ארטיקעל V.

דער קאנגרעס זאל, ווען צוויי דריטעל פוןביידע הייזער האלטען עס פיר נויטהיג, פארשלאגען ענדערונגען (אמענדמענטס) צו דיזער קאנסטיטושאן, אדער אויף דעם פערלאנג פון דיא לעדזשיסלייטשורס פון צוויי דריטעל פון דיא פערשיעדענע שטאאטען, בערופען א פערזאמלונג אום פארצושלאגען ענדערונ־

# ארטיקעל IV.

אבטהיילונג I. — פולע גלויבען און טרויען זאל געגעבען ווערען דיא עפענטליכע אקטען, ארכיוו־פאפיערען און געריכטליכע פערהאנדלונגען פון איין שטאאט אין יעדען אנדערן שטאאט און דער קאָנגרעס קען דורך אלגעמיינע געזעצע בעשטימען, וויא אזוי אזעלכע אקטען ארכיוו־פאפיערען און פערהאנדלונגען זאלען זיין קרעפטיג און ווירקזאם.

אבטהיילונג II. — 1. דיא בירגער פון יעדען שטאאט זאָלען האבען דיא פריווילעגיען און פרייהייטען פון דיא בירגער אין אלע אנדערע שטאאטען.

2. א פערזאָן, וועלכע ווערט אין איינעם פון דיא שטאאטען בעשולדיגט ווענען פערראטה, אדער ווענען וועלכען אנדערן פערברעכען און ענטלויפט פון גערעכטינקייט און מען געפינט דיא פערזא אין אן אנדערן שטאאט, זאל אויף דיא פאָרדערונג פון דיא עקזעקיוטיוו בעאמטע פון דעם שטאאט, פון וועלכען דיא פערזאן איז ענטלאפען, אויסגעליעפערט און אָבגעפיהרט ווערען נאך דעם שטאאט, וועלכער האָט דאָס רעכט אין דער פראצעסירונג פון דעם פערברעכען.

אבטהיילונג III. — 1. נייע שטאאטען קענען דורך דעם קאָנגרעס אויפגענומען ווערען אין דיזער יוניאָן; אבער קיין נייער שטאאט זאל געמאכט ווערען אין דעם ארט, וועלכער געהערט צו אן אנדערן שטאאט; אויך זאל קיין שטאאט ניט געמאכט ווערען דורך דיא פעראייניגונג פון צוויי אדער מעהרערע

אויסנאהמען און אונטער אזעלכע רעגלען, וויא דער קאנגרעס וועט בעשטימען.

3. דער פראצעס פיר אלע פערברעכענס אויסער דיא בע־שולדינונג פון בעאמטע זאל זיין דורך א דזשורי, און אזא פראָ־צעס זאָל פאָרקומען אין דעם שטאאט, וואו דיא פערברעכענס זיינען בעגאנגען געווארען; אָבער ווען זיי זיינען ניט בעגאנגען געוואָרען אין קיינעם פון דיא שטאאטען זאָל דער פראָצעס פאָר־קומען אין אזא ארט אדער אזעלכע ערטער, וויא דער קאנגרעס וועט בעשטימען דורך געזעץ.

אבטהיילונג III. — 1. פערראטה געגען דיא פעראייניגטע שטאאטען זאל נאר הייסען: ווען פיהרען קריעג געגען זיי אדער צושטעהן צו זייערע פיינד און זיי געבען הילף און בעקוועמ־ליכקייט.

2. קיין פערזאָן זאָל פעראורטהיילט ווערען וועגען פער־ראטה אויסער ווען צוויי צייגען זאגען עדות אויף דעם זעלבען עפענטליכען אקט, אדער ווען דיא פערזאן איז זיך מודה פאר אן אפענעם געריכט.

3. דער קאָנגרעס זאל האבען דיא מאכט צו בעשטימען דיא שטראף פיר פערראטה; אָבער קיין פעראורטהיילונג וועגען פערראטה זאָל ניט שאדען דעם כבוד פון דער פאמיליע פון דעם פעראורטהיילטען אדער צונעהמען זיין פערמעגען, אויסער פיר דיא צייט וואס דער פעראורטהיילטער לעבט.

דעהנט זיין איבער אלע זאכען פון געזעטץ און גערעכטיגקייט וועלכע ענטשטעהן אונטער דיזער קאנסטיטושען, דיא געזעצע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען און פערטראג-שליסע, וועלכע זיינען געמאכט אדער וועלען געמאכט ווערען אונטער זייער מאכט; — איבער אלע זאכען, וועלכע בעטרעפען געזאנדטע, אנדערע בעפאלמעכטיגטע רעגיערונגס פערמיטלער און קאנסלען; — איבער אלע זאכען פון בעאמטע פון קריעגס-שיפען און האנדעלס-שיפען-געריכט; — איבער שטרייטיגקייטען, אין וועלכע דיא פעראייניגטע שטאאטען זיינען איינע פון דיא פארטייען (צדדים); — איבער שטרייטיגקייטען צווישען צוויי אדער, מעהרערע שטאאטען: — צווישען א שטאאט און דיא בירגער פון אן אנדער שטאאט; — צווישען דיא בירגער פון פערשיעדענע שטאאטען; — צווישען בירגער פון דעם זעלביגען שטאאט, וועלכע טענה'ן, אז זיי אייגנען לאנד, וואס פערשיעדענע שטאאטען האבען זיי בעוויליגט, און צווישען א שטאאט, אדער דיא בירגער פון דעם שטאאט, און אויסלענדישע לענדער, בירגער אדער אונטערטהאנען.

2. אין אלע זאכען, וועלכע אנבעטרעפען געזאנדטע, אנדערע עפענטליכע בעאמטע און קאנסלען, וויא אויך אין אלע זאכען, אין וועלכע א שטאאט איז איינע פון דיא פארטייען (צדדים), זאל דאס אויבער-געריכט האבען דאס ערסטע רעכט; אין אלע אנדערע זאכען, וועלכע זיינען דא פריהער דערמאהנט געווארען, זאל דאס אויבער-געריכט זיין דאס געריכט, צו וועלכען מען זאל אפעלירען וועגען געזעצ-זאכען און טהאט-זאכען, מיט אזעלכע

צוזאמענרופעןביידע הייזער, אדער איינס פון זיי, און ווען זיי שטימען ניט צווישען זיך ווענען דער צייט פון אבלעגען דיא פער־זאמלונגען, קען ער זיי אליין אבלעגען ביז א צייט, וויא ער גע־פינט פיר רעכט; ער זאל אויפנעהמען געזאנדטע און אנדערע בעפאלמעכטינטע רעגיערונגס פערמיטלער; ער זאל זעהן דיא געזעצע זאלען טריי אויסגעפיהרט ווערען און ער זאל ערנענען אלע בעאמטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

אבטהיילונג IV — דער פרעזידענט, וויס פרעזידענט און אלע ציוויל־בעאמטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען זאלען העראבגעזעצט ווערען פון אמט, ווען זיי ווערען אנגעקלאגט און מען געפינט זיי שולדיג אין פערראטה, בעשטעכונג (שוחד) אדער אנדערע גרויסע פערברעכענס און שלעכטע אויפפיהרונגען.

## ארטיקעל III.

אבטהיילונג I. — דיא ריכטערליכע מאכט פון דיא פער־אייניגטע שטאאטען זאל פערטרויעט ווערען אין איין אויבער־געריכט און אין אזעלכע אונטער־געריכטען, וועלכע דער קאנ־גרעס וועט פון צייט צו צייט בעשטימען און מאכען. דיא ריכטער פון דעם אויבער־געריכט און פון דיא אונטערע־געריכטען זאלען האלטען זייערע עמטער אזוי לאנג וויא זייער אויפפיהרונג איז גוט, און זאלען צו בעשטימטע צייטען קריגען פיר זייערע דיענס־טע א בעלוינונג, וועלכע זאל ניט פערקלענערט ווערען דורך דיא צייט, וואס זיי האלטען אן זייער אמט.

אבטהיילונג II. — 1. דיא ריכטערליכע מאכט זאל אויסגע־

רונגס־אבטהיילונג ווענען יעדער זאך, וואָס אנבעטרעפט דיא פפליכטען פון זייערע עמטער ; און ער זאָל האבען דיא מאכט אבצולעגען בעשטראפונגען און צו בעגנאדיגען פיר פערברעכענס געגען דיא פעראייניגטע שטאאטען, אויסער אין בעשולדיגונגען.

2. ער זאָל האָבען דיא מאכט, מיט דעם ראטה און צו־שטימונג פון דעם סענאט, צו שליעסען א פערטראג, ווען צוויי דריטעל פון דיא פערזאמעלטע סענאטאָרען שטימען צו, און ער זאָל אויף דעם ראטה און מיט דער צושטימונג פון דעם סענאט ערנענען געזאנדטע, מיניסטאָרען און קאָנסלען, ריכטער פון דעם אויבער־געריכט און אַלע אנדערע בעאמטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, וואָס זייער ערנענונג איז דאָ ניט בעזאָרגט אויף איין אַנדער אופן, און וועלכע זאָל בעשטימט ווערען דורך געזעץ ; אָבער דער קאָנגרעס קען דורך געזעץ, ווען ער געפינט עס פיר רעכט, איבערגעבען דיא מאכט צו ערנענען דיזע אונטערע בע־אמטע צום פרעזידענט אליין, צו דיא געריכטס־הויפען אדער צו דיא אויבער־בעאמטע פון דיא רעגיערונגס־אבטהיילונגען.

3. דער פרעזידענט זאָל האבען דיא מאכט אויסצופילען אלע עמטער, וואָס ווערען לעדיג אין דער צייט, ווען דער סענאט איז ניט אין זיצונג, דורך פאָלמאכטען, וועלכע זאלען אבלויפען אם ענדע פון זייער נעכסטער זיצונג.

אבטהיילונג III. — ער זאל פון צייט צו צייט געבען דעם קאנגרעס א בעריכט איבער דעם צושטאנד פון דעם יוניאָן און זאָל פאר זיי רעקאָמענדירען אזעלכע זאכען, וועלכע ער האלט פיר נויטהיג און נוט פיר דאס לאנד ; ער קען אין אן עקסטרא פאל

געהן צום וויים-פרעזידענט און דער קאנגרעס קען דירך געזעץ בעשטימען אין פאל, ווען דער פרעזידענט און וויים פרעזידענט ווערען הערא־בגעזעצט, שטארבען, רעזיגנירען אדער זיינען אונפע־היג — וועלכער בעאמטער זאל זיין פרעזידענט; און דיזער בע־אמטער זאל לויט דעם זיין אין אמט ביז זיי ווערען וויעדער פע־היג אדער א פרעזידענט ווערט ערוועהלט.

7. דער פרעזידענט זאל צו בעשטימטע צייטען פיר זיינע דיענסטע קריגען א געהאלט, וועלכער זאל ניט פערגרעסערט ווערען און ניט פערקלענערט ווערען דורך דיא צייט, פיר וועלכע ער ווערט ערוועהלט און ער זאל דורך דיזע צייט ניט האבען קיין אנדערע איינקינפטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען אדער פון איינעם פון דיא שטאאטען.

8. איידער ער טרעט הערייך אין זיין אמט זאל ער געבען דיזע שבועה אָדער פערזיכערונג: „איך שווער (אדער פערזיכער הייליג, דאָס איך וועל טריי ערפילען דאס אמט פון פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען און וועל נאך מיינע בעסטע קרעפטען היטען, בעשיצען און פערטהיידיגען דיא קאנסטיטיושאן פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.“

אבטהיילונג II. — 1. דער פרעזידענט זאל זיין דער אויבערקאמאנדיר פון דער ארמעע און פלאָטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, וויא אויך פון דיא מיליציע פון דיא בעזונדערע שטאאטען, ווען זיי ווערען גערופען אין דיא ווירקליכע דיענסט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען; ער קען פאָדערען דיא שריפט־ליכע מיינונג פון דיא אויבערסטע בעאמטע פון יעדער רעגיע־

2. יעדער שטאאט זאל לויט דעם וויא דער לעדזשיסלאטשור וועט בעשטימען, ערנענען א צאהל וואהל־מענער, וואס זאל זיין גלייך מיט דער צאהל פון סענאטארען און פערטרעטער, וועלכע דער שטאאט איז בערעכטיגט צו האבען אין דעם קאנגרעס; אבער קיין סענאטאר אדער פערטרעטער אדער פערזאן, וועלכע האט א פערטרויליכעס אדער איינטרעגליכעס אמט אונטער דיא פעראייניגטע שטאאטען, זאל ווערען ערנענט אלס וואהל־מאן (עלעקטאָר).

3. (דיעזען פונקט איז ניט מעהר נעטהיג צו וויסען, וויל ער איז 1804 געענדערט געווארען, און דעם געענדערטען וועט מען געפינען אין דעם ארטיקעל XII פון דיא אמענדמענטס צו דיא קאנסטיטוציאן.

4. דער קאנגרעס קען בעשטימען דיא צייט, ווען דיא וואהל־מענער זאלען געוועהלט ווערען, און דעם טאג, אין וועלכען זיי זאלען געבען זייערע שטימען; דיזער טאג זאל זיין דער זעלביגער אין אלע שטאאטען.

5. קיינער, אויסער א געבאָרענער בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען קען געוועהלט ווערען פיר דאס אמט פון פרעזידענט; אויך קען קיינער ניט געוועהלט ווערען צו דיזען אמט, איידער ער איז געווארען אלט פינף און דרייסיג יאהר און האט געוואוינט פערצעהן יאהר אין דיא פעראייניגטע שטאאטען.

6. אין פאל, ווען דער פרעזידענט ווערט הערא־בגעזעצט פון אמט אדער ער שטארבט, רעזיגנירט אדער איז אונפעהיג צו ערפילען דיא פפליכטען פון זיין אמט, זאל דיזעס אמט איבער־

הערויסגעפיהרטע וואארע אויסער ווען זיי זיינען דורכאוים נויט־היג אום אויסצופיהרען זיינע אינספעקציאָנס־געזעצע; און דיא ריינע איינקינפטע פון אלע שטייערן און אבגאבען, וואס ווערען פון שטאאט געלעגט אויף הערייננעפיהרטע אדער הערויסגע־פיהרטע סחורות, זאלען זיין בעשטימט פיר דעם געברויך פון דער קאסע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, און אלע אזעלכע געזעצע זאלען רעווידירט און קאנטראלירט ווערען פון דעם קאָנגרעס.

3. קיין שטאאט זאל אהן דער צושטימונג פון קאנגרעס הערויפלעגען שיפס־שטייער, האלטען מיליטער אדער קריעגס־שיפען אין פריעדענ־צייט, שליסען אן אבמאך אדער פערטראג מיט אן אנדערן שטאאט אדער מיט איין אויסלענדישער רעגיע־רונג, אדער זיך הערייגלאזען אין א מלחמה, אויסער אין פאל ווען ער ווערט ווירקליך אנגעגריפען, אדער ער געפינט זיך אין אזא נאהענטער געפאהר, וועלכע ערלויבט ניט לאנג צו ווארטען.

## ארטיקעל II.

אבטהיילינג I. — 1. דיא מאכט אויסצופיהרען דיא געזעצע זאל ווערען פערטרויעט אין דיא הענד פון א פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. ער זאל זיין אין דיזען אמט פיער יאהר און זאל צוזאמען מיט דעם וויים־פרעזידענט, אויסגעקליבען פיר דעם זעלבינגען טערמין, געוועהלט ווערען אויף אזא ארט:

זאָלען שיפען, וואָס געהען פון איין שטאאט אין אנדערן, ניט בעדארפען צו געבען ראפּאָרט, אדער צו צאהלען שטייער אין איין אנדער שטאאט.

7. קיין געלד זאל געצויגען ווערען פון דער שטאאטס־קאסע סיידען דאָס ווערט בעשטימט דורך געזעץ; א ריכטיגע מעלדונג און רעכנונג פון דיא איינגאהמען און אויסגאבען פון אלע קהל'שע געלדער זאל פון צייט צו צייט פערעפענטליכט ווערען.

8. קיין אדעל־טיטעל זאָל געגעבען ווערען פון דיא פעראיי־ניגטע שטאאטען, און קיינער, וואָס האט אן איינטרעגליכעס אדער פערטרויליכעס אמט אונטער זיי, זאָל אהן דער צושטימונג פון קאנגרעס אננעהמען א געשענק, בעלוינונג, אמט אדער טיטעל פון א קעניג, פירסט אדער אויסלענדישע רעגיערונג.

אבטהיילונג X. — 1. קיין שטאאט זאָל אליין שליסען אן אבמאך, א בונד אדער פעראייניגונג; הערויסגעבען ערלויבנים אנצוגרייפען פיינדליכע שיפען; פּרעגען געלד; הערויסגעבען קרעדיט פּאפּיערען; מאכען אנדערע זאכען אויסער גאָלד און זילבער געלד פיר א ווערטה צו צאהלען שולדען; דורכפיהרען א געזעץ צו פעראורטהיילען און בעשטראפען פערזאנען אהן א משפט; מאכען געזעצע נאָכדעם וויא אימיצער האט עפּעס גע־טהאָן אום יענעם דאדורך צו בעשטראָפען, אדער א געזעץ, וועלכעס זאָל ברעכען דיא פערפליכטונגען פון קאנטראקטען, אדער געבען אדעל־טיטלען.

2. קיין שטאאט זאל אהן דער צושטימונג פון קאנגרעס הערויפלעגען צאָל אדער שטייער אויף הערייגעפיהרטע אדער

דערע מאכט, וועלכע ווערט דורך דיזע קאנסטיטיושאָן געגעבען צו דער רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, אדער צו אן אבטהיילונג אדער בעאמטען פון דיזער רעגיערונג.

אבטהיילונג IX. — 1. דיא איינוואנדערונג אדער הערייננפיהרונג פון אזעלכע פערזאנען, וועלכע איינער פון דיא עקסיסטירענדע שטאאטען וויל צולאזען, זאל פון דעם קאנגרעס פאר דעם יאהר 1808 ניט פערבאָטען ווערען, אבער א שטייער אדער צאָל קאן אויף אזעלכע הערייננפיהרונגען הערויפגעלייגט ווערען, ניט איבערשטייגענד 10 דאָלער פיר יעדע פערזאן.

2. דאס פּרעוויילעגיום פון „האבעס קאָרפּוס" זאָל ניט צוגענומען ווערען אויסער ווען אין א פאל פון אויפשטאנד אָדער קריעג.

3. עס זאָל ניט דורכגעפיהרט ווערען א געזעטץ צו בעשטראָפען אהן א משפט, און עס זאל ניט געמאכט ווערען א געזעץ נאך דעם וויא אימעצער האט עפּעס אבגעטהאן, אום יענעם דאדורך בעשטראָפען צו קענען.

4. קיינע קאָפּ-שטייער אָדער אנדערע דירעקטע שטייער זאָל הערויפגעלעגט ווערען סיידען לויט נאך דער פּראָפּאָרציאָן פון דער בעפעלקערונג.

5. קיין שטייער אָדער צאָל זאל הערויפגעלעגט ווערען אויף ארטיקלען, וועלכע ווערען הערויסגעפיהרט פון וועלכען עס איז שטאאט.

6. קיין שטאאט זאל ניט האבען א פּאַרטהייל איבער אן אנדערן אין האנדעל און אין דיא איינקינפטע פון האפען; אויך

13. פערשאפען און האלטען א קריעגס־מארינע (פלאטע);

14. צו מאכען געזעצע פיר דיא רעגיערונג און רעגעלען פיר דיא לאנד־מיליטער און זעע־מיליטער;

15. צו פערזארגען רעגעלען פיר דאס הערויסרופען דאס מיליטער אום אויסצופיהרען דיא געזעצע פון דער יוניאן, אונטער־דריקען אויפשטענדע און צוריק צו טרייבען אנגרייפער.

16. צו זארגען פיר דיא ארגאניזירונג, בעוואפנונג און דיא דיסציפלינע פון דיא מיליציע און צו בעשטימען וואס פאר א טהייל פון דער מיליציע זאל זיין פערנומען אין דער דיענסט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, אבער איבערצולאסען דיא שטאאטען דאס רעכט צו ערנענען דיא אפיציערען (עלטסטע) צו לערנען דיא מיליציע לויט דער דיסציפלין, וועלכע דער קאנגרעס וועט בע־שטימען;

17. צו געברויכען בעזונדערע געזעץ־געבונג אין אלע זאכען, וואס קומען פאר פיר זא איין דיסטריקט (ניט גרעסער אלס צעהן מיילען סקווער), וועלכער וועט אוועקגעגעבען ווערען פון א שטאאט און אנגענומען פון קאנגרעס אלס זיץ־ארט פון דער רע־גיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, און אויך צו געברויכען דיעזעלבע מאכט איבער אלע ערטער, וועלכע ווערען אבגעקויפט מיט דער צושטימונג פון דיא געזעץ־געבער פון דעם שטאאט, צו מאכען פעסטונגען, מאגאזינען, ארסענאלען, און אנדערע נויטהי־גע געביידען; — און

18. צו מאכען אלע געזעצע, וועלכע זיינען נויטהיג און גע־העריג אום אויסצופיהרען דיא אויבען דערמאהנט און יעדע אנ

4. איינצופיהרען א גלייכע פארם פון געזעטץ פיר אויסלענ־דער צו ווערען בירגער און גלייכע געזעצע וועגען באנקראָטען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען ;

5. צו פרעגען געלד און צו רעגולירען דעם ווערטה דערפון, וויא אויך דעם ווערטה פון אויסלענדישע מטביעות און צו בע־שטימען דיא רעגעל פון געוויכט און מאָס ;

6. איינפיהרען בעשטראפונג פיר מאכען פאַלשע שטאאטס־פאפירען און נעלד פון דיא פעראייניגטע שטאאטען ;

7. צו גרינדען פאָסט־אָפיסעס און פאסט־שטראסען ;

8. צו פערדערען דעם פארטשריט פון וויסענשאפט און קונסט דורך דעם וואס מען זאל פיר א בעגרענצטע צייט זיכערן דיא פערפאסער און ערפינדער דאָס אויסשליסליכע רעכט אויף זייערע פערפאסונגען און ערפינדונגען ;

9. איינצוריכטען געריכטס־הייזער, וועלכע זאָלען שטעהן אונטער דעם אויבער־געריכט ;

10. צו בעשטימען און בעשטראפען רויבעריי און פערברע־כען אויפ׳ן מיטען ים, וויא אויך פערברעכען געגען פעלקער־רעכט ;

11. צו ערקלערען קריעג, הערויסגעבען ערלויבנים אָנצו־גרייפען פיינדליכע שיפען און מאכען פעראָרדנונגען וועגען פאנגען פערזאנען און זאכען אויף לאנד און וואסער ;

12. נעהמען און אונטערהאלטען סאלדאטען אבער עס זאָל ניט בעווילגט ווערען דיא געלדער צו דיזען צוועק אויף לענ־גער אלס אויף צוויי יאהר;

שטימען פיר און געגען דער פאָרלאַגע, זאָלען הערייננעטראָגען ווערען אין דעם זשורנאַל פון יעדען איינציגען הויז. ווען א פאָר־לאַגע ווערט פון פּרעזידענט ניט צוריקגעשיקט אין דעם פערלויף פון צעהן טעג (זונטאָג אויסגעשלאָסען) נאכדעם, וויא זיא איז איהם צוגעשיקט געוואָרען, זאָל דאָס ווערען א געזעץ, גראדע וויא ער וואלט דאס אונטערגעשריעבען, סיידען דער קאָנגרעס שטערט דיא צוריקשיקונג דורך דיא אָבלעגונג פון דער פערזאמלונג — אין אזא פאַל ווערט דאס ניט קיין געזעץ.

3. יעדע פעראָרדנונג, יעדער בעשלוס אָדער אבשטימונג, פיר וועלכע עס איז נויטהיג דיא צושטימונג פון דעם סענאַט און פון דעם פערטרעטער־הויז (אויסער אין א פראגע וועגען אָבלע־גען דיא פערזאמלונג) זאָל פאָרגעלעגט ווערען פאר דעם פּרע־זידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, לויט דיא זעלביגע רעגעלען, וויא עס איז געשריבען אין פאָריגען פּאַראַגראַף.

אבטהיילונג VIII.—1. דער קאָנגרעס זאָל האבען דיא מאכט איינצונעהמען אבגאבען, צאָל, שטייערן און אקציז צו בעצאָהלען דיא שולדען און צו זאָרגען פיר דיא אַלגעמיינע פער־טהיידינונג און וואָהל־שטאנד פון דיא פעראייניגטע שטאאטען; אָבער אַלע צאָלען, שטייערן און אקציזען זאָלען זיין גלייך איבער־אַל אין דיא פעראייניגטע שטאאטען.

2. צו לייהען געלד אויף דעם קרעדיט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען;

3. צו רעגולירען דעם האַנדעל מיט אַנדערע נאַציאָנען. וויא אויך צווישען דיא פערשידענע שטאאטען און מיט דיא אינדיאַנער;

בירגערליכען אמט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, וועלכעס איז ניי געשאפען געוואָרען אדער וואָס דער געהאלט דערפון איז גע-העכערט געוואָרען דורך דיזע צייט; און קיינער, וועלכער האָט אן אמט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, זאָל זיין מיטגליעד פון דיזע הייזער דורך דיא צייט פון זיין אמט.

אבטהיילונג VII.—1. אלע בילס פיר דיא שאפונג פון רעוועניו (איינקינפטע) זאָלען צו ערסט קומען פון דעם פער־טרעטער־הויז; אָבער דער סענאט קען פאָרלעגען אָדער איינגעהן אויף פערבעסערונגען, וויא ביי אנדערע פאָרלאגען.

2. יעדע ביל, וועלכע איז דורכגעגאנגען דאָס פערטרעטער הויז און דעם סענאט, זאָל, איידער זיא ווערט א געזעץ, פאָרגע־לעגט ווערען פאר דעם פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאא־טען; ווען ער שטימט צו, זאָל ער דאָס אונטערשרייבען, אָבער ווען ניט, זאָל ער דאָס שיקען צוריק מיט זיינע איינוועגדונגען צו דעם הויז, אין וועלכען דאס איז צוערשט פאָרגעלעגט געוואָרען, און דיזעס זאָל דיא איינוועגדונגען אין גאנצען העריינטראגען אין זשורנאל, און זיך וויעדער נעהמען צו בעשפרעכען דיא זאך. ווען צוויי דריטעל פון דיזען הויז שטימען דורכצופיהרען דיא ביל, זאָל געשיקט ווערען, צוזאמען מיט דיא איינוועגדונגען פון פרע־זידענט צום צווייטען הויז, וועלכעס זאָל דאס אויך בעטראכטען נאך אמאל, און ווען אויך צוויי דריטעל פון דיזען הויז שטימען צו, זאָל דאָס ווערען א געזעץ. אָבער אין אלע אזעלכע פעלע זאָלען דיא שטימען פון ביידע הייזער בעשטימט ווערען דורך „יא" און „ניין" און דיא נעמען פון דיא פערזאָנען, וועלכע

3. יעדעס הויז זאָל פיהרען א טעגליכען זשורנאַל פון זיינע פערהאַנדלונגען, און פון צייט צו צייט דיזען זשורנאַל פערעפענט־ליכען; אויסער אזעלכע טהיילען דערפון, וועלכע דאַרפען נאָך זייער מיינונג געהאַלטען ווערען אין געהיים. און דיא יאַ־שטימען און ניין־שטימען פון דיא מיטגליעדער פון יעדען הויז איבער יעדער פראַגע, זאָלען אויף דעם פערלאַנג פון א פינפטעל פון דיא מיטגליעדער, וואס זיינען צונעגען, הערייננעטראָגען ווערען אין דעם זשורנאַל.

4. קיינע פון ביידע הייזער זאָל דורך דיא צייט וואָס דער קאָנגרעס, זיצט, אָפּלעגען דיא פערזאַמלונגען אויף מעהר אַלס דריי טעג אָהן דער צושטימונג פון דעם אַנדערן (הויז), אויך ניט איבערגעהן אין אַן אַנדערן אָרט פון דעם, וואו דיא צוויי הייזער האַלטען זייערע זיצונגען.

אבטהיילונג VI. — 1. דיא סענאַטאָרען און פערטרעטער זאָלען קריגען פיר זייער דיענסט א בעלוינונג, וועלכע זאָל בעשטימט ווערען דורך געזעץ און געצאָהלט ווערען פון דער קאַסע פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען. זיי זאָלען אין אלע פעלע, אויסער פערראַטה, פערברעכען און פריעדענ־שטערונג, זיין פריי פון ארעסט דורך דיא צייט, וואָס זייערע הייזער זיינען פערזאַמעלט, אָדער ווען זיי געהען אהין און פון דאָרטען; און פיר יעדע רעדע אָדער דעבאַטע אין זייערע הייזער זאלען זיי אין קיין אנדער אָרט ניט אויפגעפאָדערט ווערען אָבצוגעבען רעכנונג.

2. קיין סענאַטאָר אָדער פערטרעטער זאָל דורך דיא צייט, פיר וועלכע ער איז געוועהלט, ערנאַנט ווערען צו אַן אנדער

טערוואָרפען אונטער דער אנקלאגע, פּראָצעס, אורטהייל און שטראָף לויט דעם געזעץ.

אבטהיילונג IV—1. דיא צייט, דער אָרט און דיא ארט וויא צו וועהלען סענאַטאָרען און פּערטרעטער זאָל אין יעדען שטאאט בעשטימט ווערען פון זיינע געזעצגעבער; אָבער דער קאָנגרעס קען צו יעדער צייט דורך געזעץ ענדערן דיזע בעשטי-מונגען, אויסער וואָס אָנבעטרעפט דיא ערטער, וואו דיא סענאַ-טאָרען דארפען געוועהלט ווערען.

2. דער קאָנגרעס זאָל זיך פערזאמלען וועניגסטענס איין מאָל א יאהר, און דיא פערזאמלונג זאָל זיין דעם ערסטען מאָנ-טאג אין דעצעמבער, סיידען זיי בעשטימען דורך געזעץ אַן אנדער טאָג

אבטהיילונג V.—1. יעדעס הויז זאָל האָבען צו זאָגען אויף דיא וואהלען, אויף דיא רעזולטאטען פון דיא וואהלען און אויף דיא וואהל-רעכטע פון זיינע מיטגליעדער, און א מאיאָריטעט פון יעדען הויז זאָל זיין גענוג אויפצוטהאן דיא נויטהיגע זאכען; אָבער א קלענערע צאָהל קען אָבלעגען דיא פערזאמלונג פון איין טאָג אויפ׳ן אנדערן און האבען מאכט צו פאָרדערן, אז דיא פעהלענדע מיטגליעדער זאָלען קומען, אויף אזא ארט און אונ-טער אזעלכע שטראפען, וויא יעדעס הויז וועט פיר זיך בעשטימען.

2. יעדעס הויז האָט צו בעשטימען דיא רעגלען, וויא עס זאָל זיך פיהרען, צו בעשטראפען זיינע מיטגליעדער פיר שלעכטע אויפפיהרונג און, מיט דער צושטימונג פון צוויי דריטעל פון דיא מיטגליעדער, אויסצושטויסען א מיטגליעד.

פעראייניגטע שטאאטען, און וואו ער זאָל ניט צו דער צייט פון דער ערוועהלונג זיין אן איינוואוינער פון דעם שטאאט, פיר וועלכען ער ווערט גענוועהלט.

4. דער וויס־פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען זאָל זיין דער פּאָרזיצענדער פון סענאט, אָבער ער זאָל ניט האָבען קיין שטימע, אויסער ווען דיא שטימען זיינען גלייך אויף ביידע זייטען.

5. דער סענאט זאָל וועהלען זיינע אנדערע בעאמטע און אויך א פּרעזידענט אויף דער ווייַלע, ווען דער וויס־פּרעזידענט איז ניטאָ, אָדער ווען ער טהוט דיא פפליכט פון דעם פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

6. דער סענאט אליין זאָל האבען דיא מאכט צו אונטערזוכען אלע אנקלאגען געגען בעאמטע; און ווען זיי זיינען פערזאמעלט צו דיעזען צוועק, דארפען זיי שווערען אָדער פערזיכערן. ווען דער פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען ווערט געמישפּט, דארף דער אויבער־ריכטער זיין דער פּאָרזיצענדער; און קיין פּערזאָן זאָל ניט פעראורטהיילט ווערען אָהן דער צושטימונג פון צוויי דריטעל מיטגליעדער, וועלכע זיינען צוגעגען.

7. דיא בעשטראפונג פון א בעאמטען, וואס איז געפונען געוואָרען שולדיג, זאָל ניט געהן ווייטער אלס הערא̇בזעצען פון אמט און אוועקנעהמען פון איהם דאס רעכט צו בעקליידען אן עהרענ־אמט, א פערטרויטע שטעלע אדער איינטרעגליכע אנשטעלונג אונטער דער רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען; אבער דער פעראורטהיילטער זאָל פון דעסטוועגען זיין אונ־

סאוטה קעראָלאינע, פינף; און דזשאָרדזשיא, דריי.

4. ווען עס ווערט לעדיג דער אָרט פון א פערטרעטער פון א שטאאט, זאָל דיא רעגיערונג פון יענעם שטאאט ערקלערען א נייע וואהל אויסצופילען דעם לעדיגען אָרט.

5. דאָס פערטרעטער־הויז, זאָל וועהלען זייער רעדנער (ספּיקער) און אנדערע בעאמטע, און נאר זיי אליין זאָלען האָבען דיא מאַכט צו פערקלאגען רעגירונגס בעאמטע.

אבטהיילונג III. — 1. דער סענאַט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען זאָל בעשטעהן פון צוויי סענאַטאָרען פון יעדען שטאאט, וועלכע זאָלען געוועהלט ווערען פון זייער לעדזשיסלייטשור אויף זעקס יאָהר, און יעדער סענאַטאָר זאל האבען איין שטימע.

2. גלייך וויא זיי וועלען זיך פערזאמלען נאך דער ערסטער וואהל, זאָלען זיי געטהיילט ווערען אזוי גלייך וויא מעגליך אין דריי קלאסען, אזוי דאָס איין דריטעל זאָל געוועהלט ווערען אלע צוויי יאָהר; און ווען ערטער ווערען לעדיג דורך ענטזאגען זיך אָדער אויף אן אנדער ארט, אין דער צייט ווען דיא געזעצגעבער פון דעם שטאאט האָבען קיינע זיצונגען, קען דיא רעגיערונג פון דעם דאָזיגען שטאאט פּאָרלויפיג ערנענען (אפּאָינטען) סענאַטאָרען ביז דער נעכסטער פערזאמלונג פון דעם געזעצ־געבער הויז, וועלכעס זאָל דאן אויספילען דיא לעדיגע ערטער.

3. קיינער קען ניט ווערען א סענאַטאָר, וואו ער זאל ניט אלט זיין דרייסיג יאָהר און זיין ניין יאָהר א בירגער פון דיא

א בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, און וואו ער זאָ
ניט צו דער צייט פון דער ערוועהלונג זיין אַן איינוואוינער פו
דעם שטאאט, אין וועלכען ער ווערט גענוועהלט.

3. דיא צאָהל פון דיא פערטרעטער און דיא דירעקט
שטייערן זאָלען פערטהיילט ווערען צווישען דיא פערשיעדענ
שטאאטען, וואס געהערען צו דיזען בונד, לויט דער צאָה
פון זייערע איינוואוינער, וועלכע זאָל בעשטימט ווערען אויף אזא
ארט, דאָס צו דער צאָהל פון דיא פרייע פערזאָנען צוזאמען מיט
דיא, וועלכע האבען זיך פערפפליכטעט צו דיענען פיר א געווי
סען משך פון יאָהרען—אויסער אינדיאנער, וואס צאָהלען קיי
שטייער—זאָלען צוגעלעגט ווערען דריי פינפטעל פון אלע אנדע
רע פערזאָנען. דיא בעשטימטע צעהלונג זאָל געמאכט ווערע
אין דריי יאָהר נאך דער ערסטער פערזאמלונג פון דעם קאָנגרע
פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, און נאכהער אלע צעהן יאָהר
אויף אזא ארט, וויא זיי וועלען בעשטימען דורך געזעץ. דיא
צאָהל פון דיא פערטרעטער זאָל זיין ניט מעהר אלס איינע
אויף יעדע דרייסיג טויזענד, אָבער יעדער שטאאט דארף האָבע
ווענינגסטענס איין פערטרעטער; און ביז דער צייט, וואָס דיא
צעהלונג פון דער בעפעלקערונג וועט געמאכט ווערען, זאָל דע
שטאאט ניו העמפשיר האבען רעכט צו וועהלען דריי; מאססא
טשוזעטס, אכט; רהאָוד איילענד און דיא קאָלאָניען פון פראָ
ווידענס, איינעם; קאָננעטיקאָט, פינף; ניו יאָרק, זעקס; ני
דזשערזי, פיער; פענסילוויינִיע, אכט; דעלעווער, איינעם
מערילענד, זעקס; ווירדזשיניא, צעהן; נאָרטה קעראָלאינע, פינף

# קאנסטיטוציאן

## פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען.

מיר, דאס פאָלק פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, אום צו בילדען א פאָלקאָמענערע פעראייניגונג, פעסט צו שטעלען גע־רעכטיגקייט, צו זיכערען דיא רוהע פון דאס לאנד, צו זאָרגען פיר דיא אַלגעמיינע פערטהיידיגונג און דאס אַלגעמיינע גליק און צו זיכערען דיא גליקזעליגקייט פון פרייהייט פיר אונז און אונזערע נאכקומענדע דורות שטעלען פעסט און עטאבעלירען דיא פאָלגענדע פערפאסונג (קאָנסטיטיוציאָן) פיר דיא פעראיי־ניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

## אַרטיקעל 1.

אבטהייקונג I.—דיא מאכט צו געבען געזעץ זאָל בעלאנגען צו א קאָנגרעס פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, וועלכער זאָל בעשטעהן פון א סענאט און א הויז פון פערטרעטער (רעפרי־זענטעטיווז).

אבטהיילונג II. — 1. דאס פערטרעטער-הויז זאָל בע־שטעהן פון מיטגליעדער, וועלבע ווערען גענועהלט אלע צוויי יאָהר ביי דאס פאָלק פון דיא פערשיעדענע שטאאטען.

2. קיינער קען ניט ווערען א פערטרעטער, וואו ער איז ניט אַלט פינף און צוואנציג יאָהר און איז ניט זיעבען יאָהר

דען 24טען יולי 1897 איז דורכגעפיהרט און אונטערשריבען געוואָרען פון פרעזידענט א נייער טאריף־ביל, וועלכער איז אָנגערופען געוואָרען „דינגלי־ביל", נאך נעלסאָן דינגלי דער פערפאסער פון דעם ביל, וועלכער איז געווען טשערמאַן פון דער „קאָמיטע אָוו וויס ענד מינס."

די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האט אָבגעהאַלטען איהר קאָנ־ווענשאָן דעם 6טען יולי אין טשיקאַגאָ. דיעזע פּאַרטיי האט זיך ערקלעהרט פיר פריה קאָניידזש פון זילבער, 16 אונץ זילבער צו 1 אונץ גאָלד און האבען נאָמינירט ווילליאם דזשענינגס ברייען פון נעבראַסקאַ פיר פּרעזידענט און ארטהור סיוואָל פון מיין פיר וויס־פּרעזידענט.

מיט א פּליוראַליטעט פון זעכס מאָל הונדערט טויזענד שטימען איז וויליאַם מעקקינלי ערוועהלט געוואָרען דער 25טער פּרעזידענט. ביי דיעזע אילעקשאָן איז צוזאמען אבגעגע־בען געוואָרען אין גאַנצען לאַנד 13,923,102 שטימען. 6,502,925 האבען געשטימט פיר ב ר י י ע ן און 7,104,779 פיר מ ע ק ק י נ ל י, דיא איבעריגע 315,398 שטימען איז געפאלען אויף דיא אנדערע 4 קאַנדידאַטען.

---

## וויליאַם מעקקינלי 1897 ביז......

פּרעזידענט מעקקינלי׳ס ערשטע וויכטיגע האַנדלונג איז גע־ווען, דאס ער האט איינבערופען איין עקסטרא זיצונג פון קאָנ־גרעס אום צו ענדערען דעם דאַן עקזיסטירענדען טאריף „ווילסאָן בילל“ אויף א נייעם פּראָטעקשאָן טאַריף, צו פערשאפען מעהר רעווענױ (איינקינפטע) פיר דער רעגירונג. דיא לעצטע 4 יאָהר איז דיא איינקינפטע געווען פיעל ווענינער וויא דיא אויסגאבען.

צוויי אַנדערע וויכטיגע ערראייגניסע זיינען פאָרגעקומען אין קליוולאנד'ס צווייטער אדמיניסטראַציאָן:

דיא וועלטאויסשטעלונג איז ערעפענט געוואָרען מאי 1893 ביי פרעזידענט קליוולאנד און אין דער אנוועזענהייט פון הונדערטער טויזענדער פערזאָנען, פערזאמעלט פון אלע עקען דער וועלט צו בעוואונדערען דיא פעראייניגונג פון קונץ, זשעני און רייכטהום. איבער 27 מיליאָן מענשען האָבען בעזוכט דיא אויסשטעלונג פיר דער צייט וואס זיא האט עקזיסטירט. דיא צווייטע וויכטיגע עראייגניס איז געוועזען דער גרויסער אייזענבאהן סטרייק אין טשיקאַגאָ און אין אַנדערע גרויסע שטעדט.

אין 1896 האבען וויעדער שטאטגעפונדען דיא וואהלען פיר פרעזידענט. אין דיעזען קאמפיין האט דיא רעפובליקאָנער פּאַרטיי אויסגעשטעלט אין איהר פּלאַטפאָרם אויף דעם קאָנווענשאָן אין סט. לואיז, 16טען יוני, 1896 צוויי וויכטיגע פראגען (Issues) פראָטעקשאָן און סאונד מאָני, דאס הייסט מען זאָל צוריקרופען דעם ווילסאָן ביל און מאכען א הויכען פראָטעקטיוו טאריף, און דאס דיא געלד פון דיא יונייטעד סטייטס זאָל בלייבען אזוי וויא פריהער אויף דעם באזיס פון גאָלד. אויף דיעזען קאָנווענשאן האָבען דיא רעפובליקאנער נאָמינירט וויליאם מעקקינלי (William McKinley) פון אָהאיאָ פיר פרעזידענט און גאררעט א. האָבּארט Garret A. Hobart פון ניו דזשערזי פיר וויספרעזידענט.

וועלכער איז אין 1880 געלאָפען פיר דיא גרינבעק פארטיי פיר פּרעזידענט און דזשיימס פיעלד אויס ווירדזשיניע פיר וויס־פּרעזידענט. געזיעגט האָבען דיא דעמאָקראָטען, אָבוואָהל אין האוס אָוו רעפּרעזענטאטיווז איז זייער מאיאָריטעט געוואָרען קלענער. דיא פּאָפּוליסטען האבען זיך שטארק אויסגעצייכענט, ערוועהלענדיג אייניגע עלעקטאָרס, זא וויא קאָנגרעסמען און סענאטארען. דעם 4טען מערץ 1893 איז גראווער קליוולענד גע־ווארען דער 24טער פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

## גראווער קליוולענד, 1893 ביז 1897.

קליוולענדס ביאָגראפיע איז בעשריעבען געוואָרען פריהער. זיין צווייטע אדמיניסטראציאָן האט זיך זעהר וועניג אויסגעצייכענט פון דער ערשטער. זיין ערשטע טהאט פון וויכטיגקייט איז געוועזען איינצורופען א ספּעציעלע זיצונג פון קאָנגרעס אויף וועל־כער מען האט צוריקגערופען דעם שערמאן אקט, א געזעץ וועלכער האט געלויטעט דאס דיא טרעזשורי פון דיא פעראיי־ניגטע שטאאטען מוז קויפען פיר צוויי מיליאָן דאָלער זילבער יעדען מאָנאט.

דיא געשעפטען איבעראל אין דיא פעראייניגטע שטאאטען זיינען געוואָרען זעהר שלעכט. אזא שרעקליכען פאניק וויא דיזען יאָהר, ווען באנקען האָבען געבראָכען און פאבריקען האָבען צוגעמאכט דיא טהירען האבען דיא פעראייניגטע שטאאטען ניט געהאט זייט 1873.

און דיא רעפּובליקאנער פּארטיי האָט גענליטען ביי דיעזע וואהלען א גרויסע ניעדערלאגע פאסט אין אלע שטאאטען. דיא דעמאָ־קראטען האָבען פון א מינאָריטעט פון 21 בעקומען א מאיאָרי־טעט פון 135 אין האוס אָוו רעפּריזענטאטיווז און אויך א מאַ־יאָריטעט אין סענאט. ביי דיעזע וואהלען האט אויך דיא נייע פּארטיי פּארמערס אלאיענס פיעל געזיעגט.

אין 1892 דעם לעצטען יאָהר פון העררימאנס אדמיניס־טראציאָן, האט גאנץ אמעריקא געפייערט דעם 400 יעהריגען יובילעאום פון דער ענטדעקונג אמעריקא דורך קאָלומבוס. פון דעם 21טען ביז 23טען אָקטאָבער איז אין טשיקאגאָ געפייערט געוואָרען דיא פונדאמענט־לעגונג פיר דער קאָלאָמביאָן וועלט־אויסשטעלונג, וועלכע דער קאָנגרעס האָט בעשלאָססען צו מאכען אלס איין עוויגע אנדענקונג פון דיעזען 400 יעהריגען יובילעאום.

צו דיעזער צייט זיינען אונטערגעלאָפען דיא וואהלען און דיא רעפּובליקאנער האבען וויעדער נאָמינירט בענדזשאמין העררימאָן פיר פּרעזידענט און ווייטלאָו ריד, דעם רעדאקטאָר פון דער ניו־יאָרק טריבון פיר וויס־פּרעזידענט. זייער פּלאטפאָרם איז געווען פיר פּראָטעקשאָן, אינדאָסירט דעם מעקקינלי ביל און אין אלגעמיינעם העררימאנס אדמיניסטריישאָן. דיא דעמאָקרא־טען האבען וויעדער נאָמינירט עקס־פּרעזידענט גראָווער קליוו־לאנד פיר פּרעזידענט און אדליי סטיווענסאָן פון איללינאָיז פיר וויס־פּרעזידענט. דיא פּיפּעלס פּארטיי אדער פּאָפּוליסטען, האבען נאָמינירט דזשענעראל וויווער Weaver אויס איאָווא,

ארויפצולעגען צאל אויף דיא פרייע ארטיקלען, וועלכע קומען פון א לאנד וואס מאכט איין אויסנאהמע שטייער אויף אמעריקא־נער פראדוקציאנען. דיעזען סעקשאן האט דער דאמאלסדיגער סטייט סעקרעטער דזשיימס ג. בליין פערפאסט. און באלד האט דייטשלאנד און פראנקרייך צוריקגערופען דאס געזעץ, וועלכער האט פערבאטען אריינצופיהרען אין דיעזע צוויי לענדער אמערי־קאנער פיה און אמעריקאנער געפעקעלטע פלייש; אויך שפא־ניען און בראזיליען האבען פיעל פערקלענערט שטייערע דיא פון אמעריקאנער פראדוקטען, וויל זיי האבען געפירכטעט פיר דעם רעסיפראסיטי סעקשאן.

אויך איז אין דערזעלבער צייט דורכגעפיהרט געווארען א פענ־סיאן ביל. דיעזער פענסיאן ביל האט פיעל פערגרעסערט דיא פענסיאן פון פערוואונדעטע און אלטע אויסגעדיענטע סאלדא־טען פון דער יונייטעד סטייטס ארמעע און דיא פענסיאן פון זייערע אלמנות און יתומים. דיא אויסגאבע צו דיעזען צוועק איז פערגרעסערט געווארען ביז 150 מיליאן דאלער א יאהר. אלע נאציאנען פון דער וועלט צוזאמען, אויסער יונייטעד סטייטס, קאסט ניט אזוי פיעל צו שטיצען קריעגס העלדען.

אויך האט דיעזער קאנגרעס בעשטימט דאס אין מאיי 1893, זאל אין טשיקאגא שטאטפינדען א וועלט-אויסשטעלונג צום 400 יעהריגען אנדענקען פון דער ענטדעקונג אמעריקא דורך קאלומבוס.

א קורצע צייט נאך דעם וויא דיעזע בילס זיינען געווארען א געזעץ איז פארגעקומען וואהלען (עלעקשאנס) פיר׳ן קאנגרעס

וואסערען. ביז איבער דריי טויזענד מענשען האבען פערלאָרען זייער לעבען און פיר 10 מילליאָן דאָלער אייגענטהום איז פערניכטעט געוואָרען.

אין דיא ערסטע צווייטע יאָהר פון בענדזשעמין הערריםאָנ'ס אדמיניסטריישאָן האבען דיא רעפּובּליקאנער געהאט א גרויסע מאיאָריטעט איןביידע הייזער, דארום האבען זיי געקענט דורכפיהרען א נייעם טאַריף-ביל, וועלכער איז אָנגערופען געוואָרען „מעקקינלי-ביל" אויף דעם נאָמען פון דעם פערפאסער פון דיזען בילל, וועלכער איז געוועזען טשערמאן פון דער קאָמיטע אָוו „ווייס ענד מינס". דער פּרינציפּ פון דיזען טאַריף ביל איז געוועזען צו בעשיצען דיא אמעריקאנער אינדוסטריען געגען אייראָפּעאישע קאָנקורענץ—דער ביל האט ארויפגעלייגט גרויסע צאָל (דיוטע) אויף אלע ארטיקלען, וואָס ווערען אָדער קענען פּראָדוצירט ווערען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען, און דער זעלבער ביל האט אויך אין גאנצען הערונטערגענומען דעם צאָל וואָס איז געוועזען פריהער אויף זאכען וואס קענען ניעמאלס פּראָדוצירט ווערען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען אזוי וויא טהעע, קאפּע און אנדערע. אויך איז ביז דיעזען „מעקקינלי ביל" געוועזען א צאָל פון 25 פּערסענט אויף אלע סאָרטען ביכער און דיעזער ביל האט ביכער אין אלע אנדערע שפּראכען אויסער ענגליש בעפרייט פון צאָל.

אין דיעזען „מעקקינלי ביל" האט זיך געפונען זעהר א וויכטיגער סעקשאָן אונטער דעם נאָמען רעסיפּראָסיטי (Reciprocity) דיעזער סעקשאָן האט געגעבען דעם פּרעזידענט דיא מאכט

יונייטעד סטייטס סענאטאָר און האט געהאלטען דעם אמט זעקס יאָהר. אין סענאט איז ער געווען מיט דיא וואָס האבען אונטערשטיצט דיא סיוויל רעפאָרם, פיר א פראָטעקשאָן טאריף און געגען גרינבעקס לעדזשיסלייטשור.

איינע פון זיינע ערשטע וויכטיגע האנדלונגען אלס פרעזי־זידענט איז געווען דיא ערעפנונג פון דער אָקלעהעמא טעריטאָרי פיר ווייסע קאָלאָניסטען. דיעזע טערריטאָרי ענטהאלט 39,030 סקווער מייל און געפינט זיך אין מיטען פון אנדערע אינדיאנישע בעזעצונגען. דורך א פראָקלאמאציאָן דעם 22טען אפריל 1889 איז דאָס לאנד ערקלעהרט געוואָרען אָפען און פריי פיר אלעמען. דער וואונש צו קריעגען לאנד אומזאָנסט האט צונויפגעטריבען פון גאנץ אמעריקא טויזענדער מענשען און אין וועניגער וויא פיער מאָנאטען איז דארטען, וואו עס איז פריהער געווען א וויסטעניס, אויפגעוואקסען א שטאָדט, גוטריע, מיט 4,000 איינוואוינער, עטליכע באנקען, פיער טעגליכע צייטונגען און סטריט קארס איבעראל. א יאָהר שפעטער, אין 1890 איז דיא בעפעלקערונג פון אָקלעהעמא שוין געווען 61,834. אין יאָהר 1889 איז צוגעלאָזען געוואָרען 4 נייע סטייטס: נאָרטה דאקאָטע סאוטה דאקאָטהע, וואשינגטאָן און מאנטענע.

אין דעם זעלבען יאָהר האט זיך אויך געטראָפען איינער פון דיא גרעסטע אונגליקען — דאָס איז דער מבול פון דזשאָהנ־סטאָון, פענסילווייניע, וועלכער האט זיך געטראָפען דעם 31טען מאיי 1889. דיא גאנצע שטאָדט מיט דיא הייזער און מענשען זיינען פערפלייצט און אוועקגעטראָגען געוואָרען ביי דיא שטייגענדע

מיט עלען טהורמאן פון אָוהאיאָ אלס וויים־פּרעזידענט. דיא רעפּובליקאנער קאנדידאטען זיינען געווען בענדזשעמין הערריסאן פון אינדיענע און ליווי פּ. מאָרטאן פון ניו יארק. דיא פּעראייניגטע ארבייטער פּארטיי האבען אויך געהאט זייערע אייגענע קאנדי־דאטען. דיא שטימען פון דעם שטאאט ניויארק האבען געמאכט דיא רעפּובליקאנער צו זיעגען און בענדזשעמין הערריסאן (Benjamin Harrison) איז געווארען דער 23טער פּרעזידענט.

---

## בענדזשעמין הארריסאן 1889 ביז 1892.

בענדזשעמין הערריסאן, איין אייניקעל פון וויליאם הענרי הערריסאן דעם 9טען פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאא־טען, איז געבוירען געווארען אין אָוהאיאָ, 20טען אָגוסט 1833. אין 1852 האט ער גענדיגט דעם מאיעמי אוניווערסיטעט אין אָקספאָרד, אָוהאיאָ. ער האט שטודירט לאָ. ער איז געווען ארעם און האט דארום אויסגעוואנדערט נאך אינדיענע מיט דער האפנונג דארטען צו פערבעסערען זיין לאגע. זיין ערשטער אמט אין אינדיענע איז געווען רעפּארטער צום סופרים קאורט (אויבער־געריכט). אין 1861, ווען דער בירגער קריעג האט אויסגע־בראכען, איז ער אריין אין דער ארמעע אן דער שפּיצע פון א רעגימענט. אין 1865 האט ער עררייכט דעם ראנג פון בּריגא־דיער־דזשענעראל. נאך דער ענדע פון בירגער קריעג, האט ער זיך צוריקגעקעהרט נאך זיין היימאטה און זיין אַלטע פּראָפע־סיאָן — אדוואָקאטור. אין 1880 איז ער געוועהלט געוואָרען

פרעזידענט, עס זאל ניט זיין קיין שווינדעל, קיין צאנקערייען וויא אין פאל פון טילדען און הייס אין 1876. דיעזע צאנקערייען מוזען פון דאן אָן ענטשיעדען ווערען דורך סטייט טריבונאלען, ניט דורך דעם קאנגרעס. (3) דער „טשאיניז אימיגריישאָן ביל“, א געזעץ צו פערווערען דיא איינוואנדערונג פון כינעזער אין דיא פעראייניגטע שטאאטען.

אין אנפאנג פון קליוולענדס אדמיניסטריישאָן האבען ארבייטער איבערן גאנצען לאנד זיך אנגעהויבען צו אָרגאניזירען אין יוניאָנס אום צו קעמפפען פיר זייער אייגענע אינטערעסען. עס האבען זיך אנגעפאנגען פילע שטרייטען צווישען ארבייט און קאפיטאל, סטרייקס און באָיקאָטס; ביז ענדליך אין 1886 האט דיעזע בעוועגונג אויסגעבראכען אין שרעקליכע סטרייקס.

דער ערנסטער פון דיא אלע שטרייטען האט זיך געטראָפען אין טשיקאגא וואו 40.000 ארבייטער האבען געסטרייקט. דען 4טען מאי אויף אן עפענטליכער פערזאמלונג האט אימיצער געווארפען א באמבע אין דער מיט פון דער פאליציי. דיא באָמבע האט געטייטעט און פערוואונדעט פילע פאָליסלייט. דיא פאליסלייט האבען זיך ארויפגעוואָרפען מיט רעוואלווערען אויף דיא פערזאמעלטע און פיעלע פון דיא לעצטע זיינען אומגעקומען. איינינע ארבייטער פיהרער זיינען נאכהער פראָצעסירט געווארען און פעראורטהיילט געווארען צום טויט און אין נאוועמבער 1887 זיינען 3 פון דיא פעראורטהיילטע געהאנגען געווארען.

אין דעם פרעזידענטען וואהל פון 1888 האבען דיא דעמאקראטען ווידער נאמינירט גראווער קליוולענד פיר פרעזידענט

מאקראטען געזיעגט און זייער קאנדידאט גראָווער קליוולענד איז געווארען 22טער פרעזידענט.

---

## גראָווער קליוולענד 1885 ביז 1889.

קליוולענד איז געבוירען געווארען אין ניו-דזשערסי דען 18טען מערץ 1837. אין 1841 האט איהם זיין פאטער געבראכט נאך ניויארק. ער האט ערהאלטען זיין ערשטע ערציהונג אין איין אקאדעמיע אין קלינטאן, האט געשטודירט לאָ אין באָפאלאָ, וואו ער איז נאכהער געווען אססיסטענט דיסטריקט אטאָירני, שעריף און מייאָר. אין 1882 איז ער ערוועהלט געווארען גאָ-ווערנאר פון דעם שטאאט ניויארק, וועלכען אמט ער האט באקליידעט 1883—1884, ווען ער האט זיך ענטזאגט אום צו ווערען פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

ער האט זיך געצייגט אלס א מאן מיט גרויסען קוראזש און פעסטע פרינציפען. אבוואהל דער קאנגרעס איז געווען קאָנטראָ-לירט פון צוויי פערשיעדענע פארטייען: דער סענאט פון דיא רעפובליקאנער און דאס האוס אָוו רעפרעזענטעטיווז פון דעמאָ-קראטען, איז איהם געלונגען דורכצופיהרען דריי וויכטיגע געזעצע. (1) דער פרעזידענט נאכפאָלגער אקט, ד. ה. ווען דער פרעזי-דענט און וויס פרעזידענט שטארבעןביידע אדער זיינען אנדערש-וויא אונפעהיג, זאל פריהער דער סעקרעטערי אָוו סטייטס און נאכהער אנדערע קאבינעט בעאמטע פערנעהמען זייערע פלעצער (2) דער עלעקטאָרס צעהלונג געזעץ (1887), ד. ה. מען זאל אויף אזא ארט צעהלען דיא שטיממען פיר פרעזידענט און וויס

וואס זאלען עקזאמינירען דיא קאנדידאטען פיר פערשיעדענע פלעצער אונטער דער רעגירונג, אויב זיי זיינען ווירקליך פעהיג דאצו אדער ניט.

אין ארטהור'ס אדמיניסטראציאָן איז געבויט געווארען דער ברוקלינער הענג-בריק איבערן איסט ריווער. דער אינזשעניר פון דער בריק איז געווען דזשאָן א. רעבלינג (John A. Roebling) ער האט זיא אנגעפאנגען ארבייטען אין 1867 ער איז אבער געשטארבען אין מיטען און זיין זוהן וואשינגטאן רעבלינג האט זיא גענענדיגט אין 1884.

אין דער וואהל פיר פרעזידענט אין 1884 זיינען געווען פ ער קאנדידאטען. דיא רעפובליקאנער האבען נאָמינירט דזשיימס דזשיי בליין פיר פרעזידענט און דזשאהן א. לאָגאָן פיר וויים פרעזידענט. ניט אלע פון דיעזער פארטיי זיינען געווען צופריעדען מיט דיעזער נאָמינאציאָן און פילע האבען זיך אָפגעטהיילט און געגרינדעט א נייע פארטיי אונטער דעם נאמען מאָגוואָמפּס. זיי האבען אונטערשטיצט דיא דעמאקראטישע פארטיי וועלכע האט נאמינירט גראָווער קליוולענד (Grover Cleveland), דאן גאווערנאר פון ניויארק, פיר פרעזידענט און טהאָמאָס הענדריקס אוים אינדיענע פיר וויים-פרעזידענט.

א קאָנוועגשאן פון פיער פערשיעדענע פארטייען, נעמליך: „פיפעלס פארטיי", „לייבאָר פארטיי", גרינבעקס און אַנטי-מאָנאָפּאָל פארטיי האבען נאָמינירט דזשענעראל בענדזשעמין פ. באָטלער פיר פרעזידענט און א. מ. וועסט פון מיססיסיפּי פיר וויים פרעזידענט. צום ערשטען מאהל פון 1856 האבען דיא דע-

ליך געשטארבען דעם 19טען סעפטעמבער אין עלבערען, ניו־זשערסי. זיין פלאץ האט פערנומען אלס 21סטער פרעזידענט טשעסטער א. ארטהור.

---

## טשעסטער א. ארטהור 1881 ביז 1885.

ארטהור איז געבוירען געווארען אין פעירפילד, וואירמענט אין 1830, האט ערהאלטען א קאלעדזש ערציהונג, איז געוועזען א שוהל־לעהרער און קאלעקטאר פון ניו־יארקער פארט פון 1871 — 1878. ער איז געשטארבען אין ניו־יארק 18טען נאוועמבער 1886.

צוויי וויכטיגע געזעצע זיינען אנגענומען געווארען אין פרעזידענט ארטהור׳ס אדמיניסטראציאן.

דער אנטי פאָליגעמי (פיעל ווייבעריי) ביל,—א געזעץ צו פערבאָטען דיא מארמאָנס צו הייראטהען אדער לעבען מעהר וויא מיט איין פרוי, (דיא מארמאָנען זיינען א סעקטע קריסטען וואס גלויבען אין האבען וואס מעהר ווייבער. דורך דעם פלעגען פאָרקומען פילע געפעהרליכע שטרייטען. דיעזער געזעץ האט עס אלעס אָפגעשאפט) און דער סיוויל סאָירוויס ביל איז דער צוויי־טער ניצליכער געזעץ. פון פרעזידענט ענדריו דזשעקסאָן אָן פלעגען בעאמטע אנגעשטעלט ווערען ניט דארום, ווייל זיי זיינען פעהיג פיר דיעזען אדער יענעם אמט; נור דערפאַר, ווייל זיי זיינען געוועזען דעמאקראטען אדער רעפובליקאנער. דער נייער געזעץ, דער „פענדעלטאָן ביל״, וויא ער האט געהייסען, האט בעשאפען א קאמיסיאָן פון פערהערער אדער עקזאמיניערס,

## דזשיימס א. גארפיעלד 1881.

גארפיעלד איז געבוירען געווארען אין אָהאיאָ אין 1831. זיינע יונגע יאהרען האט ער פערבראכט אין גרויסער ארמוטה; נור דורך זעהר שווערע ארבייט איז איהם געלונגען צו ענדיגען וויליאַמס קאלעדזש אין מעססעטשוזעטס. נאכהער האט ער שטודירט לאָ (פיר אדוואקאט). ער איז געווען א לאנגע צייט פראָפעסאָר אין היירעם קאלעדזש אין אָהאיאָ.

ווען דער בירגער קריעג האט אויסגעבראכען איז ער אריין אין דער ארמעע און האט זיך דורך טאפפערקייט דערדיענט דעם ראנג פון מאיאָר־דזשענעראל.

זייענדיג נאך אין קריעג איז ער ערוועהלט געווארען אלס מיטגליעד פון קאנגרעס. ער האט באלד דארום פערלאסען דיא ארמעע. ער איז געווען קאָנגרעסמאן פון 1863 ביז 1880. אין 1880 איז ערוועהלט געווארען יונייטעד סטייטס סענאַטאָר, און אין דעם זעלבען יאהר, ניט ערווארטענדיג, איז ער נאָמינירט און ערוועהלט געווארען פרעזידענט.

גארפיעלד איז פון אלע פארטייען אנערקענט געווען אלס דער בעסטער און פעהיגסטער מאן פיר דיעזען הויכען אמט. ערשטענס, האט ער דיעזען אמט ניט געזוכט און איז געווען צו עהרליך פיר אינטריגעס און אנדערע פּאָליטישע קונצען. פילעס האט מען ערווארטעט פון זיין אדמיניסטראַציאָן. צום אומגליק האט איהם א פערביטטערטע אמט־זוכער טשארלאס געטאָ געשאסען אין וואשינגטאן דען 2טען יולי 1881. דריי מאנאטען האט ער זיך געראנגעלט צווישען טויט און לעבען און איז ענד־

1865—1867; גאָווערנאָר פון אהאיאָ 1868—1872 און נאך אמאהל 1876—1877, האלטענדיג דיעזען אמט דריי מאהל.

זיין אדמיניסטראציאָן אין אלגעמיינעם איז געווען א נעטע און רוהיגע נאך דיא אלע קריעגען און צאנקערייען פון פריהערדיגע אדמיניסטראציאָנען. זיין אדמיניסטראציאן איז זעהר ארעם אין וויכטיגע פאסירונגען. זיין אדמיניסטראציאן האט מען גערופען: „דיא פארב-לאָזע אדמיניסטראציאָן“.

אין 1878 איז אנגענומען געווארען דער „בלענד סילווער ביל“, א׳ געזעץ דאס דיא רעגירונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען מוז פרעגנען ניט וועניגער וויא פיר 2 מיליאן דאלער און ניט מעהר וויא פיר 4 מיליאן דאלער זילבער-געלד א מאנאט. דער צוועק פון דעם איז געווען צו העבערען דעם ווערטה פון זילבער, וואס איז געפאלען. פרעזידענט הייס האט דיעזען געזעץ וועטירט (vetoed); נור דער קאנגרעס האט איהם געמאכט פיר א געזעץ איבער זיין וועטאָ מיט צוויי דריטעל מאיאָריטעט.

אין דער נעכסטער וואהל פיר פרעזידענט, אין 1880 האבען דיא רעפובליקאנער נאָמינירט דזשיימס א. גארפיעלד (James A. Garfield) פיר פרעזידענט און טשעסטער א. ארטהור (Chester A. Arthur) פיר וויים-פרעזידענט. דיא דעמאקראטען האבען נאמינירט ווינפיעלד הענקאק און וויליאם ה. ענגליש. דיא רעפובליקאנער האבען געזיעגט, גארפיעלד איז געווארען דער 20טער פרעזידענט.

פרעזידענט און טהאמאס א. הענדריקס פון אינדיענע פיר וויס פרעזידענט.

דיא וואהל איז געוועזן זעהר א זאָנדערבּארע.ביידע קאנדידאטען האבּען פּרעטענדירט צו האבּען א מאיאָריטעט. דיא ענטשיידונג איז איבּערגעבּען געווארען צום קאנגרעס. דער קאָנגרעס האט ערנאנט א קאמיסיאן פון פונפצעהן פּערזאן. פינף זיינען ערוועהלט געווארען פון סענאט, פינף פון האוס אָוו רעפּרעזענטעטיווז, פיער ריכטער פון אויבּערגעריכט, און דיעזע פיער האבּען ערוועהלט א פינפטען ריכטער אלס זייער טשערמאַן. אין דיעזער קאמיסיאן זיינען געווען אכט רעפּובּליקאנער און זיעבּען דעמאָקראטען. דעם 3טען מערץ האט דיא קאמיסיאן ערקלעהרט דיא רעפּובּליקאנער קאנדידאטען פיר פּרעזידענט און וויס־פּרעזידענט ערוועהלט.

גרענט האט נאכהער געמאכט א וועלט־רייזע און איז אויפגענומען געווארען איבּעראל מיט גרויס פּאראד, ער איז געשטארבּען דעם 23טען יולי 1885.

---

## רוטהפארד בּ. הייס 1877 בּיז 1881.

רוטהפארד בּ. הייס 19טער פּרעזידענט איז געבּוירען געווארען אין אָהאיאָו אין 1822 ער איז געוועזן ביי פּראָפעסיאן איין אדוואָקאט; ער האט אין דער בירגער קריעג אריינגעטראטען אין דער ארמעע און האט שנעל עררייכט דעם ראנג פון בּריגאדיער־דזשענעראל. ער איז געוועזן א מיטגליעד פון קאנגרעס

טער אין האוס אָוו רעפּרעזענטעטיווז און סענאַט, זאַ דאַס פון
אַ רעפּובליקאַנער מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס פון 107 האבען
דיא דעמאָקראַטען מיט אַמאָהל געקראָגען אַ מאַיאָריטעט פון 74.

אַם ענדע פון גרענט'ס צווייטען טערמין האט אין דיא פּער־
אייניגטע שטאַאַטען שטאַטנעפונדען דיא ערשטע וועלט־אויס־
שטעלונג. דאס איז געוועזן צום אַנדענקונג פון דער הונדערט־
יעהריגער אונאַבהענגיגקייט פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען, און
האט געהייסען „דהי סענטענניאל עקזיבּישאָן". פילאַדעלפיע איז
ערוועהלט געוואָרען אַלס דער בעסטער פּלאַץ פיר דיעזע אויס־
שטעלונג און דער קאָנגרעס האט בעוויליגט $1,500,000. דיעזע
אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג האט געדויערט פון 10טען מאַי
ביז דעם 1טען נאָוועמבער 1876 אין דעם זעלבען יאָהר איז
קאָלאָראַדאָ אַנגענומען געוואָרען אַלס אַ סטייט.

אין 1876 האבען דיא רעפּובליקאַנער נאָמינירט פיר פּרעזי־
דענט רוטהפאָרד ב. הייס Rutheford B. Hayes פון אָוהאַייאָ
און אַ. ווילער פון ניו־יאָרק פיר וויס פּרעזידענט. צו דער זעלבער
צייט האבען זיך געגרינדעט צוויי נייע פּאַרטייען: דיא גרינבעקס
פּאַרטיי, און דיא פּראָהיבּישאַן פּאַרטיי, וועלכע איז געוועזן און איז
נאָך ביז יעצט געגען שטאַרקע געטרענקע, און האט געפאָדערט
געזעצע צו באַשרענקען זאלכע פּראָדוקציאָן. דיא דעמאָקראַטישע
פּלאַטפאָרם האט אַטטאַקירט דיא גאַנצע רעפּובליקאַנישע אַד־
מיניסטראַציאָן אַלס קאָררופּט, האט אונטערשטיצט דיא גרינבעקס
פּאַרטיי און זייערע פאָדערונגען וועגען פּאַפּיער געלד און האבען
נאָמינירט ס. י. טילדען S. J. Tilden אויס ניו־יאָרק פיר

איינינע רעפּובליקאנער זיינען ניט צופריעדען געווען מיט גרענטען איבער זיינע האנדלונגען וועגען דיא סאָוטהערען סטייטס, וואוהין ער האט געשיקט מיליטער זיי צו העלפען זיך רעאָרגאַניזירען און דורך דיעזער און אנדערע אורזאכען האבען זיינע געגענער אָרגאַניזירט אַ נייע פּארטיי אונטער דעם נאמען ליבעראל-רעפּובליקאנער. פיר פּרעזידענט האבען זיי נאמינירט האָראַס גרילי (Horace Greeley), דעם רעדאקטאר פון דער ניו־יארק „טריביון". דיא דעמאקראַטישע פּארטיי האט דיא נאמינייטשאַן בעשטעטיגט אלס זייערע אייגענע קאנדידאטען. טראָטץ דעם האבען גרענט און ווילסאָן געקראגען אַ געוואלדיגע מאיאָריטעט. האראַס גרילי, וועלכער האט פיעל געליטען פון דיעזער ניעדערלאגע איז קראַנק געווארען און געשטארבען קירצליך נאך דער וואהל.

דער צווייטער טערמין פון דזשענעראל גרענט איז געווען אַ טרויעריגער פיר דיא פעראייניגטע שטאאטען. דיא נאָכ־וועהען פון דער בירגער־קריעג האבען זיך געלאזט פיהלען אין פולער מאַכט אין 1873. עס איז ענטשטאנדען אַ פּאַניק, בענק האבען געקראַכט, באנקראטען איבעראל, און דאס גאנצע לאנד האט איבער געלעבט אַ שווערען קריזיס. ערשט אין 6 יאהר ארום איז דאס לאנד געקומען צו זיך און דער פּאניק איז ביסלעכווייז פערשוואונדען. דיעזער פּאניק האט אבער געהאט אַ שלעכטען רעזולטאט פיר גרענט און זיין פּארטיי, דען באלד אַ יאהר נאך דעם האבען אלע שטאאטען, וואס זיינען פריהער געווען אנהענגער פון דיא רעפּובליקאנער, ערוועהלט דעמאקראטישער פּערטרע־

סען געוואָרען א טראקטאט צווישען קאָמיסיאָנערען פוןביידע נאציאָנען. דיעזער טראקטאט האָט געלויטעט, דאָס אַלע צאַנ־קערייען זאָלען איבערגעגעבען ווערען צו ארביטריישאָן, ד. ה. צו ערוועהלטע בוררים פון ביידע צדדים, וועלכע זאָל דיעזען פראגען ענטשיידען. דיא עלעבעמע פראגע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו איין אַרביטריישאָן קאָמיסיאָן פון פינף פערזאָן. זיי האבען זיך פערזאמעלט אין זשענעווא, שווייץ מיט דעם רעזול־טאט דאָס דיא פעראייניגטע שטאאטען האבען נעקראָגען 15 מיליאָן דאָל. שאדענ־ערזאץ.

אָקטאָבער דעם 8טען 1871, האָבען דיא פעראייניגטע שטאאטען געליטען פון דעם גרעסטען פייער אין דער געשיכטע פון דיעזען לאַנד. אין דעם אבענד פון 8טען אָקטאָבער האט אין א שטאַל אין טשיקאגאָ אויסגעבראָכען א פייער, וועלכער האט זיך פערשפרייט ווייט און ברייט און געדויערט צוויי טעג, וועל־כע האט פערברענט פיר 200 מיליאָן דאלער אייגענטהום און אומגעפעהר 300 פערזאָן זיינען אומגעקומען.

א יאָהר שפעטער אין נאָוועמבער 1872 האט אויך באָסטאָן, מעססעטשוזעטס געליטען פון א שרעקליכען פייער אין וועלכען 80 מיליאָן דאָלער אייגענטהום איז פערניכטעט געוואָרען.

אויסער דעם זיינען געוועזן גרויסע שריפות אין דיא וועלדער פון דיא שטאאטען וויסקאָנסין, מינעזאָטע און מישיגען.

אין 1872 האט דיא רעפובליקאן פארטיי וויעדער נאָמינירט דזשענעראל גרענט פיר פרעזידענט און ווילסאָן פיר וויים־פרעזידענט.

איינע פון דיא גרויסע טהאטען פון גרענט'ס אדמיניסטרא־
ציאָן איז זיינע האנדלונגען מיט דיא אינדיאַנער. דיעזע האנד־
לונגען אָדער פּאָליסי (Policy) פלעגט מען רופען „פריעדען
אָדער קוויקער פּאָליסי". אין זיין ערשטען יעהרליכען מעססעדזש
אדער מאניפעסט צום פאָלק האָט ער ערקלעהרט, דאס ער האָט
איבערגעגעבען דיא רעגירונג פון דיא לענדער אויף וועלכע אינ־
דיאַנער ווארען בעזעצט אין דיא הענד פון מיטגליעדער פון דעם
„פעראיין פון פריינד", וועלכע האבען פון אימער אגיטירט פיר
דיא אינדיאַנער'ס רעכטע.

דיעזער פעראיין האט בעדארפט נאָמינירען אגענטען פיר
דיעזע אינדיאַנישע קאָלאָניעס און דער פּרעזידענט זאָל זיי בע־
שטעטיגען. אָבער נאך לאנגע פערפאָלגונגען פון דיא ווייסע
האבען דיא אינדיאַנער ניט געקענט מעהר גלויבען אין זייער
גוטסקייט און מענשליכקייט, און דאס ווערטיל „דער בעסטער
אינדיאַנער, איז א טוידטער אינדיאַנער", איז זיי געבליעבען ביז
יעצט און גרענטס האָפנונגען זיינען וועניג ערפילט געוואָרען.

אין גרענט'ס אדמיניסטראַציאָן האבען זיך דיא פעראייניגטע
שטאאטען אויסגעגלייכט מיט ענגלאנד איבער דער עלעבעמע
פראגע.

דיא עלעבעמע איז געוועזען איין ענגלישע שיף, וואָס פלעגט
אָנפאלען און רויבען אמעריקאַנער קאָממערץ־שיפען אין צייט
פון בירגער־קריעג. דיא פעראייניגטע שטאאטען האבען געפאָר־
דערט א געלד־בעלוינונג און וועלכע ענגלאנד האט א לאנגע
צייט ענטזאגט. ענדליך אין 1871 איז אין וואשינגטאָן געשלאָ־

פון 35 געגען 19 געפונען פרעזידענט דזשאנסאן שולדיג; נור, אזוי וויא עס איז לויט דיא קאנסטיטושאן נויטהיג צוויי דריטעל מאַ־יאריטעט צו פעראורטהיילען א פרעזידענט האט דער קאָנגרעס געמוזט לאָזען דיא קלאגע פאלען און דזשאָנסאָן איז געבליעבען פרעזידענט ביז ענדע פון זיין טערמין, 4טען מערץ 1869.

דער רעפובליקאנער קאנדידאט פיר פרעזידענט, דזשענעראל יו. ס. גרענט (U. S. Grant) איז מיט א גרויסע מאַיאָריטעט ערוועהלט געוואָרען 18טער פרעזידענט.

---

## יו. ס. גרענט 1869 ביז 1877.

פרעזידענט גרענט איז געבוירען געוואָרען אין פּאָינט פּלע־זענט, אָהאַיאָ, אין דעם יאָהר 1822. ער האט געקראָגען א גוטע ערציהונג אין דער מיליטערישע אקאדעמיע פון וועסט פּאָינט, פון וועלכע ער האט געענדיגט 1843. אין דער צייט פון דער קריעג מיט מעקסיקא האט ער געדיענט אונטער דיא גע־נעראלען טיילאָר און סקאט און אימער געוואונען לויב און אנער־קענונג פיר זיין טאפּפערקייט. אין 1854 איז ער ארויסגעטרעטען פון דער ארמעע און האט זיך באלד נאך דעם בעשעפטיגט אין לעדער געשעפט. אָבער אין 1861 אם אנפאנג פון דעם בירגער־קריעג. איז ער וויעדער אריינגעטראָטען אין דער ארמעע אלס וואָלונטיר (פרייוויליגער) און איז ערנאנט געוואָרען קאָירנעל (פּאָלקאָווניק). ער האט געשטייגט אין זיין דיענסט העכער און העכער ביז ער האט אין א קורצע צייט ערַרייכט דיא העכסטע שטופע — פעלדמארשאל (קאָמאנדיר) פון דער גאנצער ארמעע.

דיא שווארצע אלע בירגערליכע רעכטע, זיינען דורכגעפיהרט גע־וואָרען איבער דעם פּרעזידענטס וועטאָ.

אין 1868 האט דער קאָנגרעס ענדליך צוגעלאזט דיא פאל־גענדע זעקס שטאאטען. עלעבעמע, ארקענזעס, פלאָרידע, לואי־זשענע, נארטה קעראלאיינע און סאויטה קאראלאיינע, אלס זעלבּסטשטענדיגע שטאאטען אין יוניאן און זייערע סענאטארען און רעפּרעזענטעטיווס האבען בעקומען זייערע פּלעטצער אין קאנגרעס מיט דער בעדינגונג, דאס זייערע שטאאטען זאלען געזעצליכע קאָנווענשיאָנס איינבערופען און אנערקענען דעם 13טען און 14טען אמענדמענט צו דער קאָנסטיטיושאן, וועלכע גיבט דיא נענער דאס רעכט צו שטימען און נעהמען אנטהייל אין דער רע־גירונג גראדע וויא דיא וויסע; פערוועהרט פערזאָנען וואס האבען רעוואָלטירט געגען דיא יונייטעד סטייטס צו זיין בעאמטע אין יוניאָן און דיא שולדען וואס דיא קאָנפעדערייטס האבען געבאָרגט ערקלעהרט פיר בטל ומבוטל.

דער צושטאנד פון דער סאוטה איז געוועז נאך דער קריעג זעהר שלעכט און דיעזער צושטאנד איז נאך פיעל פערשלימערט געווארען דורך דיא צאנקערייען צווישען פּרעזידענט דזשאָנסאָן און דעם קאָנגרעס, ווייל מען האט ניט געקענט דורכפּיהרען קיינע געזעצע, דער פּרעזידענט האט עס פערבאטען מיט זיין וועטאָ Veto, אדער דער קאנגרעס האט עס ניט געוואלט דורכ־לאזען. עס איז געקומען דאצו, דאס דער קאנגרעס האט דעם פּרעזידענט אימפּיטשד (פערקלאגט) פיר פערראטה (טריזן) און אם 16טען מאי 1868 האט דער סענאט מיט א מאיאריטעט

קאנער האבען חרטה געהאט אין זייער וואהל פון דזשאהנסאן, אזוי וויא דיא הוויגס אמאל אין זייער וואהל פון פרעזידענט טיילער.

דיא לאגע אין דער סאוטה באלד נאכען קריעג איז געווען זעהר טרויעריג. אום צו מאכען א שטיקעל ארדנונג האט פרעזידענט דזשאהנסאן אפוינטעט גאווערנארס אום צו ארגאניזירען דיא בעזיעגטע שטאאטען. ער איז געווען נעגען דעם געדאנק צו בעשטראפען דיזע שטאאטען און האט דארום באלד ארויסגעלאזט אמנעסטיע־מאניפעסטען בעפרייענדיג יעדען, וואס האט אנטהייל גענומען אין דער רעוואלוציאן אויף דער זייט פון דער סאוטה. פרעזידענט דזשאהנסאן איז געווען צופריעדען דאס דיא צוריקגעוואונענע שטאאטען זאלען שיקען אין קאנגרעס זייערע רעפרעזענטעטיווז און סענאטארס, גראדע וויא פאר דעם קריעג. דער קאנגרעס האט אבער אויף דעם ניט איינגעשטימט און האט בעשלאסען, דאס נור דער קאנגרעס אליין און ניט דער פרעזידענט האט דאס רעכט צו זאגען, ווען מען זאל צולאסען דיא סענאטארס און רעפרעזענטעטיווז פון דער סאוטה. דערוויל האבען אלע שטאאטען, נארד און סאוטה אנגענומען דעם 13טען אמענדמענט צו דער קאנסטיטיושאן, און הונדערט יאהר כמעט נאך וואשינגטאנען זיינען דיא פעראייניגטע שטאאטען געווארען א פרייעס לאנד פיר יעדען.

ווייל דער קאנגרעס האט ניט צוגעלאזט דיא סאוטהערן מיטגליעדער, האבען דיא רעפובליקאנער געהאט א גרויסע מאיאריטעט אין ביידע הייזער. צוויי וויכטיגע געזעצע, געבענדיג

נער הויפט גאסען. נאכהער וויא דער פרעזידענט מיט זיין קאבי־ נעט האבען זיי בעגריסט, זיינען זיי זיך צוגאנגען און צופאַהרען יעדער אין זיין שטאדט און הויז. דער בלוטיגער בירגער־קריעג איז געווען געענדיגט.

ענדריו דזשאהנסאן איז געווען מיט א שטארקען ווילען, מיט געוויסע פרינציפּען, צו וועלכע ער איז געווען געטריי ביז לעצט. ער איז געבוירען געווארען אין נאָרד קעראָולאינע אין יאהר 1808 און אלס קינד זיך בעזעצט מיט זיינע עלטערען אין טעננעסי. זיינע עלטערען זיינען געווען זעהר ארעם. מען דערצעהלט, דאס פּרעזידענט דזשאהנסאן האט זיך געלערנט שרייבען און לעזען ענגליש ערשט נאכדעם וויא ער האט חתונה געהאט. ער איז אבער געווען פון דער נאטור א פעהיגער רעדנער און איז שנעל ערוועהלט געווארען אלס אָלדערמען. פון דאן אן ביז ער האט פערנומען לינקאלן׳ס פלאץ, האט ער אימער באקליידעט איין אמט אונטער דער רעגירונג, און ער פלעגט אליין ליעב האבען צו דערמאהנען, דאס ער האט אין זיין לעבען אימער געקראגען דיא בעסטע פלעצער, פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער אמט, וואס איז נור אין בעזיץ פון אמעריקאנער פאלק.

ביז דעם יאהר 1861 איז ער געווען א דעמאקראט, און דער איינציגער דעמאקראטישער סענאַטאר אין דער סאוטה, וואס איז געווען פיר דער יוניאָן און געגען קריעג. קומענדיג אין מאכט אבער באלד נאך לינקאלן, וועלכען מען האט נאך זיין טויט, אנגעהויבען צו פערגעטערען, האט דזשאהנסאן ניט געפּוי־ נען קיין חן אין דיא אויגען פון זיינע וועהלער און דיא רעפּובלי־

אם 1טען יאנואר 1863 האט פרעזידענט לינקאָלן הערויס־געגעבען דעם עמענסיפּיישאָן מאניפעסט. אין דיעזען מאניפעסט ערקלעהרט ער אלע שקלאַפען אין דיא סטייטס וועלכע האבען רעוואָלטירט געגען דיא יונייטעד סטייטס פיר פרייע בירגער.

אין נאוועמבער 1864 איז לינקאָלן וויעדער ערוועהלט געווארען מיט זעהר א גרויסע מאיאָריטעט פיר פרעזידענט.

אין רעכטען מיטען שמחה, ווען דיא גאנצע נאָרד האט זיך געפרעהט, וואס דיא שרעקליכע בירגער קריעג איז שוין געענדיגט, אין מיטען דיעזע פריידע האט וויא א שלאַג יעדען איינעם געטראפען דיא שרעקליכע, טרויעריגע בשורה, דאס דער עדעלער פרעזידענט אייברעהעם לינקאָלן איז אין וואשינגטאָן ערמארדעט געווארען.— אם 14טען אפּריל 1865 איז דער אַקטיאָר ווילקיס בוטה אריין צום פרעזידענט אין זיין לאָזשע (באקס) ווען ער איז געזעסען אין טהעאטער און האט מיט א רעוואלווער געשאסען דעם פרעזידענט אין קאָפּ, אויסשרייענדיג דערביי: „דאס איז דער סאוט׳ס ראכע״. וויס פרעזידענט ענדריו דזשאָהנסאן איז געווארען אויף לינקאָלנ׳ס פּלאץ 17טער פרעזידענט.

---

## ענדריו דזשאהנסאן 1865 ביז 1869.

נאכדעם וויא פרעזידענט דזשאהנסאן האט ערקלערט זיין פּראָקלאמאציאָן אז דיא קריעג מיט דער סאוטה איז געענדיגט און ער האט בעפרייט אלע סאוטהערען פּאָרטען פון דער בלאָקאדע, האבען דיא זיעג־רייכע טריאומפירענדע ארמעען פון דיא גענעראלען גרענט און שערמאַן געמארשירט דורך וואשינגטאָ־

12טען אפריל האבען דיא קאָנפעדערייטס אָנגעפאנגען צו שיסען אויף פאָרט סאָמטער. דיעזעס איז געוועז דער סיגנאל צו דער שרעקליכער בירגער קריעג.

דיעזער שאָס האט פעראייניגט אלע פארטייען אין נאָרד אונטער דעם נאמען יוניאָניסטען און דיא סאוטהערען האבען זיך גערופען סיסעשאָניסטען (אבגעזונדערטע).

דער בירגער קריעג האט געדויערט ביז 9טען אפריל 1865, ווען דער הויפט קאמאנדיר פון דער קאָנפעדערייטס ארמעע דזשענעראל ראָבערט ע. לי האט זיך איבערגעגעבען מיט זיין גרויסער ארמעע אין פלען צו דעם פעדעראל דזשענעראל גרענט און נאך איהם האבען באלד אלע איבעריגע קאָנפעדערייטס ארמעען זיך אונטערגעגעבען. דיא פרייד אין דער נאָרד פון דיעזער בשורה איז געוועז זעהר גרויס.

איבער 1,500,000 סאָלדאטען האט דיא פעדעראל רעגירונג געהאט אין דער צייט פון קריעג. 96 טויזענד זיינען געפאלען אין קריעג און 184 טויזענד זיינען אין דערזעלבער צייט צושטאָרבען פון פערשיעדענע קראנקהייטען. דיא קאָנפעדערייטס האבען געהאט 600,000 סאלדאטען און העלפט פון זיי זיינען געפאלען אויפ'ן שלאכטפעלד אדער צושטארבען פון קראנקהייטען. נאך דער קריעג איז דיא יונייטעד סטייטס רעגירונג געווארען א בעל חוב פון 2,700 מיליאן דאלער און דיא קאָנפעדערייט 2 טויזענד מיליאן דאלער, נור אזוי וויא זיי האבען פערלארען דיא קריעג איז זייערע שולדען ניט בעצאהלט געווארען און זייערע גלויביגער האבען ניט געקראגען א סענט פיר דיא קאָנפעדערייט באָנדס.

### פיערטע עפּאָכע.

## בירגער־קריעג 1861 ביז 1864.

אם 4־טען פעברואר 1861 האבען דעלעגאטען פון דיא זיעבען רעוואָלוציאָנערע סטייטס זיך פערזאמעלט אין מאָנטגאָמערי, עלעבעמע און האבען געשלסען א נייעם יוניאָן אונטער זיך אונ־טער דעם נאמען: „דיא קאָנפעדערייט סטייטס אָוו אמעריקא“. דזשעפערסאן דייוויס פון מיסיסיפּי איז ערנאנט געווארען טעמפּאָ־רערי פּרעזידענט. דער פּלאַטפארם פון דיעזער נייער רעגירונג איז געוועז, דאס ווען א שקלאף אנטלויפט פון איין סטייט אין איין אנדערע, מוז דיא רעגירונג פון סטייט צוריק ארויסגעבען דעם אנטלאפענעם שקלאף צו זיין אייגענטהימער.

דיא נייע קאָנפעדערייטס רעגירונג איז באלד בעפאלען אלע ארסענאלען און פעסטונגען פון יונייטעד סטייטס רעגירונג, וועלכע האבען זיך געפונען אין דער סאוטה און האבען אלעס פערנומען.

אם 4טען מערץ איז לינקאָלן אינאָגיורייטעד געווארען, און אין זיין אדרעס האט ער ערקלעהרט, דאס ער האט ניט קיין רעכט צו פערווערען שקלאפעריי אין דער סאוטה און ער וועט דאס אויך ניט טהאן. נור קיין סטייט האט דאס רעכט צו ענטזאגען זיך פון יוניאָן. ער וועט געוויס טהאָן אַלעס וואָס אין זיין מאכט, דאס אלע געזעצע זאָלען אין אלע סטייטס רעספּעקטירט ווערען.

א י י ן פעסטונג, פאָרט סאָמטער אין סאוטה קעראָליינע איז נאך געוועז אין דיא הענד פון דער פעדערעל רעגירונג. אם

זעהר שנעל אונטערדריקט געוואָרען און דער העלדישער פריי־הייטס קעמפפער, דזשאן בראון איז געהאנגען געוואָרען אין הארפערס פערי, ווירדזשיניע 1859 און מיט דעם האט זיך דיא רעוואָלוציאָן געענדיגט.

צום גליק איז ענטשטאַנען קריגעריי אין דער דעמאָקראַטי־שער פארטיי און זיא איז צושפּאָלטען געוואָרען אויף צוויי אב־טהיילונגען. איין טהייל האט אין 1860 נאָמינירט א קאנדידאַט פיר פרעזידענט ברעקינרידזש און דער אנדערע טהייל, האָט נאָמינירט סטעפען ארנאָלד דאָוגלעס. דיעזע שפּאלטונג האט געמאכט דאס אייברעהעם לינקאָלן (Abraham Lincoln) דער רעפּובּליקאנער קאנדידאַט איז ערוועהלט געוואָרען 16טער פרע־זידענט.

## אייבּרעהעם לינקאלן 1861 ביז 1865.

וויא לינקאָלן איז ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט האט זיך אין דער סאוטה אָנגעפאנגען צו רודערען. דעם 20טען דעצעמ־בער 1860 האט דער קאָנסטיטיושאָנעל קאָנווענשאן אין סאוטה קעראָוליינע ערקלעהרט, דאָס דיא פעראייניגונג פון סאוטה קע־ראוליינע מיט אנדערע סטייטס אונטער דעם נאמען „יונייטעד סטייטס" איז אויפגעלעזט. באלד האבען אויך זעקס אנדערע סאוטהערן סטייטס. מיסיסיפּי, פלאָרידע, עלעבעמע, דזשאָרדזשיע לואיזשענע און טעקסעס זיך ענטזאגט פון יוניאָן.

פּאַרטײ און האבען זײער פּארטײ א נאמען געגעבען רעפּובלי־קאנער (Rpublican Party).

אין 1856 האט דיא נייע פּארטיי, דיא רעפּובליקאנער נאָ־מינירט זייער ערשטען קאַנדידאַט פיר פּרעזידענט, דזשענעראַל דזשאן ס. פּרעמאנט, וועלכער וואלט געווים ערוועהלט געווארען, ווען דיא „נאָו נאָטהינג" פּארטײ Know-Nothing Party, וועלכע האט זיך 1853 געגרינדעט אין ניו יאָרק פון אריסטאקראטישע און רעליגיעזע אמעריקאנער וואָלט ניט אויך אויפגעשטעלט א קאנדידאט פיר פּרעזידענט דעם עקס־פּרעזידענט פיללמאָור. זיי האבען אָבגעצויגען פיעל שטימען פון דיא רעפּובליקאנער און דאדורך האבען דיא דעמאָקראטען געזיעגט און דזשיימס בוקענען (James Buchanan) איז ערוועהלט געוואָרען 15טער פּרעזי־דענט מיט זעהר א קליינע פּלוראליטעט.

## דזשיימס בוקענען 1857 ביז 1861.

בוקענען האט עפענטליך ערקלעהרט דאס זיין גאנצער שטרעבען וועט זיין צו געבען דיא סאוטה אריסטאָקראטי, דיא אייגענטהימער פון מיליאָנען שקלאפען דיא אָבערמאכט איבער דאס לאנד, און דיא נאָרדערען בלייבט נור איבער איינס פון דיא צוויי: זיך אונטערװארפען דעם ווילען פון דער סאוטה אָדער זיך אברייסען פון דעם יוניאָן.

פיעלע פון דיא אבאָלישאניסטען האבען שוין פערלאָרען זייער געדולד און האבען הערויסגעטראָטען אין א רעוואָלוציאָן מיט דזשאן בראון אלס זייער אנפיהרער. דיעזע רעוואָלוציאָן איז

דער סאוטה זיינען געווען שטארק פעראייניגט. זיי זיינען אלע געווען פיר שקלאפעריי. דיא הוויגס דאגעגען וועלכע זיינען געווען נור אין נארד זיינען צושפאלטען געווארען אין פיעל אבטהיילונגען, זא וויא פרי־סאול פארטיי, אבאלישאניסטען און נאך אנדערע. דאס האט צוגעגעבען קראפט דיא דעמאקראטען און זייער קאנדידאט פרענקלין פיערס (Franklin Pierce) איז ערוועהלט געווארען 14טער פרעזידענט.

## פרענקלין פיערס 1853 ביז 1857.

פיערס איז געווען א בלינדער אנהענגער פון זיין פארטיי, און דיא דעמאקראטען האבען אנגעווענדעט זייער גאנצע קראפט דאס זייער מאיאריטעט אין סענאט זאל נאך גרעסער ווערען.

ניט קוקענדיג אויף דעם קאמפראמיס ביל, וועלכער איז געווארען א געזעץ, דאס דיא אלע סטייטס וואס ליגען נארד פון 36טען גראדוס מוזען פיר אימער פערבלייבען פרייע סטייטס, האבען דיא דעמאקראטען אריינגעבראכט א ביל אין קאנגרעס דאס קענזעס און נעבראסקא זאלען ארגעניזירט ווערען פיר טעריטאריעס און דיא איינוואוינער פון דיא טעריטאריעס זאלען אליין בעשליסען צו ביי זיי זאל זיין שקלאפעריי אדער ניט. דיעזער ביל האט זיך גערופען דער „קענזעס-נעבראסקא ביל“, וועלכער איז אם מאי 1854 געווארען א געזעץ.

דיעזער שענדליכער געזעץ האט אויפגערודערט גאנץ נארד און אלע פארטייען, דיא הוויגס, דיא אבאלישאניסטען און דיא פריי־סאול פארטיי האבען זיך פעראייניגט אין איין גרויסע

געוואָרען און אין דעם נעכסטען קאמפיין 1848 זעהען מיר, דאס דיעזער בילל איז געוואָרען איינער פון דיא וויכטיגסטע פונקטען. דיא פרייהייטס קעמפפער האבען ארויסגעשטעלט אלס זייער קאנדידאט דעם עקס-פרעזידענט מארטין ווען ביורן. ער וואָלט געוויס געווען ערוועהלט געוואָרען, ווען דיא הוויגס, וואָלטען ניט נאָמינירט דזשענעראל זעקארי טיילאָר (Zachary Taylor), וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען 12טער פרעזידענט.

## זעקאַרי טיילאָר 1849 ביז 1850,

טיילאָר איז געווען דער צווייטער פרעזידענט, וועלכער איז געשטארבען בעפאָר זיין טערמין אלס פרעזידענט האט זיך גע־ענדיגט (9טען יולי 1850). זיין פלאץ האט פערנומען דער וויס־פרעזידענט מיללארד פיללמאָור (Millard Fillmore) 13טער פרעזידענט.

## מיללאַרד פיללמאור 1850 ביז 1853.

חאטשי פיללמאָור איז געווען פון דער הוויג פארטיי; נור וייל ער איז געווען א שוועכלינג האט ער זיך געלאָזט פיהרען פון דיא דעמאָקראטען, וועלכע האבען געהאט א מאיאָריטעט אין סענאט.

מיט פיללמאָורס אדמיניסטראציאן האט זיך אָנגעפאנגען דיא שטרייטיגקייטען צווישען נאָרד און סאוטה, וועלכעס האט געפיהרט צו דער שרעקליכער בירגער־קריעג פון 1861—1864. דיא דעמאָקראטען, וועלכע זיינען געווען אם מעהרסטען אין

וואָרען דער 11טער פּרעזידענט מיט זעהר א קליינער מאַיאָריטעט איבער דעם הוויגס קאַנדידאַט הענרי קליי.

---

## דזשיימס ק. פּאָק 1845 ביז 1849.

באלד וויא פּאָק איז געוואָרען פּרעזידענט האבען דיא דעמאָקראַטען אָנגעפאנגען א נייע בעוועגונג: מען זאל טעקסעס, וועלכע האט זיך אבגעריסען פון מעקסיקא אויפנעהמען אלס א סטייט אין דיא פעראייניגטע שטאאטען. און אם 29 דעצעמבער האט דער קאָנגרעס אבגעשטימט דאָס טעקסעס איז א סטייט. דורך דיעזעס איז ענטשטאנדען א קריעג מיט מעקסיקא. דער קריעג האט געדויערט פון סעפּטעמבער 1846 ביז פעברואר 1848. דיא ארמעען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען האבען געהאט איין זיעג נאך דעם אנדערען. אם 14 סעפּטעמבער 1847, האט דער העלד דזשענעראל זעקארי טיילאָר איינגענומען דיא הויפּטשטאָדט פון מעקסיקא.

דורך דיעזען קריעג האבען דיא פעראייניגטע שטאאטען געוואונען דיא טעריטאָריעס טעקסעס, ניו מעקסיקא און קאליפאָרניע.

דיא „פרי-סאָולערס" אדער פרייהייטס פּארטיי האט אויף דאס ניי אָנגעפאנגען איהר פּראָפּאָגאנדע, פאָרדערענדיג, דאס אין דיא נייע געוואונענע לענדער זאל פערבאָטען ווערען שקלאַפעריי. דיעזען ביל האט הערייננגעבראכט קאָנגרעסמאן דייוויד ווילמאָנט. דער ביל איז אָבער מיאוס דורכגעפאלען אין ביידע הייזער. דער גייסט פון פרייהייט איז דאך ניט אָבגעשוואכט

## וויליאַם ה. האַריסאָן 1841.

פון פּרעזידענט האררריסאָנס אדמיניסטראציאָן איז ניט דאָ וואָס בעזאָנדערעס צו בעשרייבען, ווייל ער איז געשטאָרבען גראדע אין א מאָנאט נאך זיין אינאָגיורײשאָן פיר פּרעזידענט. זיין פּלאַץ האט פערנומען דער וויס־פּרעזידענט דזשאָן טאַילער (John Tylor), פון ווירדזשיניע אַלס צעהנטער פּרעזידענט.

---

## דזשאַן טאַילער 1841 ביז 1845.

דיא שקלאַפען פראגע איז געוואקסען אלץ מעהר און מעהר. קאָנגרעסמאַן גידדינגס פון אָהאיאָ האט פאָרגעבראכט דיא פראגע אין קאָנגרעס. ער איז פיר זיין שטארקע אגיטאציאָן מען זאָל אָבשאפען שקלאפעריי אין דיא פעראייניגטע שטאאטען זעהר קריטיקירט געוואָרען פון זיינע קאמעראדען און פון דיא צייטונגען. ער האט באלד רעזיגנירט, אום זיך צו איבערצייגען, אויב זיין סטייט האלט מיט איהם און זיי זיינען צופריעדען מיט זיינע ליבעראַלע אידעען וועגען שקלאַפעריי. ער איז באלד ווידער ערוועהלט געוואָרען אין קאָנגרעס מיט א גוואלדיגע מאיאָריטעט.

אין דעם וואַהל־קאמפּיין פון 1844 איז שוין געוועזן דיא הויפּט פראגע נור דיא שקלאַפען בעפרייאונג און אלע אנדערע פראגען זיינען אין גאנצען פערגעסען געוואָרען. דיעזע פראגע האט דיא הוויגס פיעל אָבגעשוואכט און דער דעמאָקראטישער קאנ־דידאַט דזשיימס ק. פּאָק, James K. Polk איז ערוועהלט גע־

פאָסט. דיעזער פאָרשלאג איז אָבער אין קאָנגרעס דורכגע פאלען.

פיר דעם אכטען פרעזידענט האבען דיא דעמאָקראטען, דיא גאנצע פארטיי פעראייניגט, נאָמינירט אלס קאנדידאט מארטין ווען ביורן (Martin Van Buren) פון ניו יאָרק. דיא הוויגס דא־נעגען זיינען צו יענער צייט געווען צוריסען אויף פיעל פערשיע־דענע פארטייען און זיי האבען נאָמינירט צוויי קאנדידאטען. איין טהייל האט נאָמינירט דזשענעראל וו. ה. האריסאָן און דער אנדערער טהייל האט נאָמינירט דניאל וועבסטער, און ביורן דער דעמאָקראט איז ערוועהלט געוואָרען.

---

## מאַרטין ווען ביורן 1837 ביז 1841.

באלד וויא ווען ביורן איז געוואָרען פרעזידענט האט ער פעראורזאכט דעם גרעסטען פאניק אין לאנד דורך זיין זאָגענאנ־טען „ספעציאל לעטער“. באנקען האבען געקראכט, גרויסע גע־שעפטען זיינען געפאלען און באנקראָטען זיינען געווען אין דיא טויזענדער. אין 1840 איז דזשענעראל ה. וו. האריסאָן געוועהלט געוואָרען פיר דעם ניינטען פרעזידענט. ביי דיעזען וואהל האט דיא אבאָלישאן פארטיי צום ערסטען מאָל הערוויסגעשטעלט א קאנדידאט פיר א פרעזידענט און האבען ענערגיש אָנגעפאנגען צו אגעטירען געגען שקלאפעריי.

---

טעד סטייטס־באנק, וועלכע איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרען אין 1816 פיר 20 יאָהר. אום דער באנק צו אונטערדריקען האט ער ענטזאגט דעם סעקרעטער פון טרעזשורי דואיין Duane, וועלכער האט געהאלטען מיט דער יונייטעד סטייטס באנק און האט גע־מאכט פיר סעקרעטער זיין פריינד טעני Taney, וועלכער האט באלד ארויסגעצויגען דיא גאנצע רעגירונגס געלד פון יונייטעד סטייטס באנק אום דער באנק צו רואינירען.

אויך האט ער וועטירט דעם ביל פון קאָנגרעס צו פער־לייגגערען דעם טשארטער פון דער יונייטעד סטייטס באנק.

נאך פיעל צאנקערייען איןביידע הייזער פון קאָנגרעס האט פרעזידענט דזשעקסאנ'ס פריינדע געלונגען דאס דער קאָנגרעס האט בעשטעטיגט דעם פרעזידענטס האנדלונג און האבען ענט־זאגט דער באנק פון א נייעם טשאטער.

אין דיעזער צייט האט זיך אין דער נאָרד אָנגעפאנגען צו בילדען איין אבאָלישען פארטיי (אָבשאפונגס פארטיי). דער צוועק פון דיעזער נייער פארטיי איז געווען, מען זאָל אָבשאפען דיא שקלאפעריי אין דיא פעראייניגטע שטאאטען. דיעזע פארטיי האט זיך אָרגאניזירט אין יאָהר 1833.

אין אָנפאנג האט דיא פארטיי גענוזט אויסשטעהן זעהר פיעל. אלע האָבען פון איהר געלאכט און געשפּאָט. זיא איז פערפאָלגט געוואָרען אויף שריט און טריט.

פרעזידענט דזשעקסאָן האט אין זיינעם א מעסעדזש צום קאָנגרעס פאָרגעשלאָגען מען זאָל פערוועהרען דיא ליטעראטור וועגען אָבשאפען שקלאפעריי צו שיקען דורך יונייטעד סטייטס

דער הויכער טאַריף, מיט וועלכען דיא הוויגס האבען גע־
האָפט צו ערוועהלען זייער פּרעזידענט איז זעלבסטפערשטענד־
ליך דורכגעפאַלען אין צייט פון דזשעקסאָן׳ס דעמאָקראַטישע
אַדמיניסטראַציאָן. אויסער דעם, איז דיא גאַנצע בעפעלקערונג
פון דער סאוטה געווען געגען דעם טאַריף, ווייל זייער בעשעפ־
טיגונג איז געוועזן מעהר מיט ערד־אַרבייט, וויא מיט אַנדערע
אינדוסטריען און דער הויכער טאַריף וואָלט זיי קיין נוצען ניט
געקענט ברענגען.

דער סענאַטאָר היין Hayne פון סאוטה־קעראָלאַינע האט
פאָלגליך פאָרגעשלאָגען אַ רעזאָלוציאָן, וועלכע ער האט גערופען
Nullification Bill, ד. ה. אַ געזעץ דאָס יעדע שטאַאט האט
דאס רעכט אנערקענען אָדער ניט צו אַנערקענען דיא געזעצע
וואָס ווערען געמאַכט אין קאָנגרעס. דעניעל וועבסטער צו יענער
צייט סענאַטאָר, דער בעריהמטער געלעהרטער שטאַאטסמאַן און
רעדנער, האט אַרויסגעטרעטען דאַגעגען און געהאַלטען זיין בע־
ריהמטע קאָנסטיטיושאָנעל רעדע. דער וויס־פּרעזידענט קאָלהאַון
(Calhoun) אלס פּרעזידענט פון סענאַט האט דורך פיעל אינ־
טריגעס געוואָלט דורכשטופּען סענאַטאָר היינ׳ס ביללֿ. פּרעזי־
דענט דזשעקסאָן, וויא ער איז געוועזן פיר דעם בילל, דאך האט
ער ניט געקענט פערטראָגען דעם וויס־פּרעזידענט׳ס פעררעטע־
רישע אינטריגען און ער האט איהם געוואָלט אַרעסטירען פיר
פעררעט (טריזען). דער שטורם צווישען דער סאוטה און נאָרד
וועגען דיעזען ביל האט אָנגעהאַלטען דרייסיג יאָהר.

פּרעזידענט דזשעקסאָן איז געוועזן אַ געגנער פון דער יוני

אַלגעמיינער לאַגע פון לאַנד, אויף דעם רעכנונג פון דאס גאַנצע פאָלק. דזשעקסאָנ׳ס אנהעננער האבען זיך א נאָמען געגעבען דעמאָקראַטען.

דיא פיער יאָהר פון אדאַמ׳ס אדמיניסטראַציאָן איז פאַראי־בער פארביידע פאַרטייען אין אָרגאַניזירען זייערע אייגענע קרעפטען אום צו זיין בערייט פיר א נייעם קאמפף.

אין קווינסי אדאַמ׳ס צייט איז געבויעט געוואָרען דער ער־שטער אייזענבאהן אין אמעריקאַ, און דער איריע קאַנאַל (Erie Canal) איז געעפענט געוואָרען פאר אמעריקאַנער שיפען. דיא נאַציאָנאַלע חובות זיינען געוואָרען קלענער און אין דער טרעזשורי איז געבליעבען איין איבערשוס פון 5,000,000 דאָל.

אדאַמס איז געווען א קאַנדידאַט פיר א צווייטען טערמין, נור ענדריו דזשעקסאָן, דער העלד פון ניו־אָרלעאַנס, דער דע־מאָקראַטישער קאַנדידאַט האט געוואונען.

## אנדריו דזשעקסאן 1829 ביז 1837.

דזשעקסאן איז געווען דער ערשטער פרעזידענט, וואָס האט אָפען ערקלעהרט, דאס צו דעם זיעגער בעלאַנגט אלעס. ער האט פאָלגליך אראָפּגעוואָרפען פון זייערע פלעצער אלע בעאמ־טע אין דיא פערשיעדענע רעגיערונגס אבטהיילונגען נור דארום וויל זיי זיינען הוויגס, און ער האט זייערע פלעצער געגעבען זיינע פריינד דיא דעמאָקראַטען. דיעזער מנהג צו בייטען דיא בֵּאַמטע יעדע פיער יאָהר, איז אייניגער מאָסען געבליבען ביז יעצט.

ווידער אָבגעשוואַכט דיא מאַכט פון דער סאוטה. דאן האט זיך צופלאַקערט דיא קריעג צווישען דיא צוויי פּאַרטייען.

דיא מיינונגס פערשיעדענהייט איז דאמאלס געוואָרען אזוי גרויס, דאס פון דיא פיער קאַנדידאַטען, וועלכע זיינען נאָמינירט געווארען פיר פּרעזידענט האט קיין איינער פון זיי ניט געהאַט א מאַיאָריטעט. דיא עלעקטאָרס האבען זיך נור געאייניגט אויפ'ן וויס־פּרעזידענט, און דזשאָן סי. קאַלהאַון (John C. Calhoun) איז געוועהלט געוואָרען פיר וויס־פּרעזידענט.

אזוי וויא קיינער פון דיא פּרעזידענט־קאַנדידאַטען: דזשעקסאָן, אדאַמס, קראָפּאָרד און קליי, האבען ניט געהאַט א מאַיאָריטעט איז דיא וואַהל איבערגעגאנגען צו דאס האוס אָוו רעפּרעזענטעטיווז און דיא האוס האָט געוועהלט דזשאָן קווינסי אַדאַמס פיר דעם זעכסטען פּרעזידענט.

---

## דזשאָן קווינסי אַדאַמס 1825 ביז 1829.

אַדאַמס איז געוועהלט געווארען פיר פּרעזידענט, ווייל דיא פריינדע פון קליי האבען זיך פעראייניגט מיט אַדאַמס פריינדע אין האוס און האבען איהם געגעבען א מאַיאָריטעט.

קליי האָט געקראגען דעם אמט פון סטייט סעקרעטער.

דורך דיעזער פעראייניגונג האט זיך געגרינדעט א נייע פּאַרטיי מיט דעם נאָמען הוויג פּאַרטיי. זייערע פּרינציפּען זיינען געוועזן כמעט דיעזעלבע וואס פון דיא פעדעראַליסטען: זיי האָבען געוואָלט א הויכען טאַריף מיט שטאַרקע פּראָטעקציאָן פיר אמעריקאנער אינדוסטריע און פיר פערבעסערונגען פון דער

לויט נאך דיא קאָנסטיטושאָן שיקט יעדער סטייט, צו קליין צו גרויס, אלע גלייך צו צוויי סענאַטאָרען אין וואשינגטאָן. אין יענער צייט האבען שוין דיא נאָרד סטייטס ניט געהאט ביי זיך קיין שקלאפען, דיא שקלאפעריי איז אין דיא נאָרד פון דיא פער־איינינגטע שטאאטען געווען פערבאטען. דאגעגען אין סאָוטהערען סטייטס האט דער שקלאפען האנדעל געבליהט און זייער גאַנצער עקזיסטענס איז בעשטאנען גור פון דיא שקלאפען. דיא נאָרד־ערען סענאַטאָרס האבען זעהר אָפטער געוואָלט בעשרענקען דיא שקלאפעריי; אָבער דיא סאָוטהערען סענאַטאָרס האבען אזעלכע געזעצע ניט צוגעלאָזען. דאגעגען, ווען דיא סענאַטאָרען פון דער סאוטה האבען געוואָלט מאכען אזעלכע געזעצע וואס זאל זיי געבען פרייע האנד אין דעם שקלאפען האנדעל האבען דיא סענאַ־טאָרען פון דער נארד ניט דערלאָזען. זייערעביידע קרעפטע איז געווען גלייך אין סענאַט.

אין 1820 האט מיסורי אריינגעשיקט אין סענאַט איין אפליקיישאָן מען זאל איהר צולאזען ווערען א סטייט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען. וויא מיסורי איז געוואָרען א סטייט איז דיא קראפט פון דיא סאוטהערען סענאַטאָרס גרעסער גע־ווארען; דען מיסורי איז געוועזן א שקלאפען סטייט און איהרע צוויי סענאַטאָרען האבען געגעבען דיא מאיאָריטעט צו סענאַ־טאָרען פון דער סאוטה. דיא פעדעראליסטען האבען אבער אויך ניט געשוויגען און זיי האבען באלד אנגעווענדעט אלע קרעפטען און מען האט מיין Maine, וועלכע איז אין נארד פון דיא פער־איינינגטע שטאאטען, געמאכט פיר א סטייט, און זיי האבען דערמיט

רעפובליק, פיר וועלכע ער האט זיך זאָ מוטהיג געשלאָגען, האט מען איהם אויפגענומען מיט גרויס ענטוהזיאזמוס, מען האט איהם געפיהרט דורך אלע פיער און צוואנציג שטאאטען (11 זיינען צוגעקומען זייט וואשינגטאָן איז געוואָרען פרעזידענט) און איהם אָפגעשיקט נאך פראנקרייך אין א ספעציעל געבויעטע שיף, ב ר ע נ ד י וו י י ן, צום אנדענקען פון יענער שיף, אויף וועלכער לאַפאיעט האט צום ערשטען מאָל בעגעגענט וואשינגטאָנען.

פרעזידענט מאָנראָו איז געווען זאָ בעליעבט ביים אמעריקאנער פאָלק דאָס אויף זיין צווייטען וואהל האבען אלע עלעקטאָרס פון ביידע פארטייען געשטימט פיר איהם, אויסער איינער, וועלכער האט ערקלעהרט, דאס אזא עהרע בעלאנגט נור צו וואשינגטאָנען. דארום עס זאל ניט זיין נאך איינער וואס האט געהאט אזא עהרע, האט ער געשטימט געגען איהם.

איינע פון דיא גרעסטע טהאטען, דורך וועלכע מאָנראָו האט זיך געמאכט בעריהמט איז דיא זאָגענאנטע מאָנראָו דאָקטאָרין. דיעזע דאָקטאָרין (אָדער לעהרע) לויטעט, דאָס דיא פעראייניגטע שטאאטען טאָרען ניט ערלויבען קיין אייראָפעאישע מאכט צו קריעגען קאָנטראָל אין דער נייער וועלט אמעריקא, און דאָס דיא פעראייניגטע שטאאטען טאָרען זיך ניט מישען אין אייראָפּא׳ס פאָליטישע אנגעלעגענהייטען.

ביי מאָנראָו׳ס צווייטע אדמיניסטראציאָן איז ארויסגעוואקסען א נייע פראגע וועלכע האט געמאכט אן ענדע פון דער ערא פון איינינקייט וואָס האט געהערשט ביי זיין ערסטער אדמיניסטראציאָן. דאָס איז געווען דיא שקלאַפען פראגע.

האבען ניט ערלויבט זייערע מיליץ זיך אנצושליסען צו דער יוניאָן ארמעע.

דיעזער קריעג האט געדויערט ניט לאַנג. ער האט זיך געענדיגט אין 1814 און עס איז געשלאָסען געוואָרען פריעדען נאך בעפאָר עס איז געקומען דיא בשורה פון דעם בעריהמטען זיעג פון אנדריו דזשעקסאָן אין ניו־אָרלעאַנס.

מיט דער ענדע פון מעדיסאָנ׳ס אדמיניסטראַציאָן פאַנגט זיך אָן א נייע ערא אין אמעריקאנער פּאָליטיק. דיא פראַגע פון פעדעראַליזם, און וועגען צו מען זאל שליסען פריינדשאַפט מיט פראַנקרייך אָדער מיט ענגלאַנד איז געוועזען טוידט און אויף איהר פּלאַץ זיינען געקומען וויכטיגערע פראַגען: וויא דער טאַריף, דאס הייסט, דיא טעקסעס אויף אימפּאָרטירטע און היימישע וואַארעס; דיא פיהרונג פון נאַציאָנאַלע פינאַנצען און דיא ענטוויקלונג פון אינדוסטריע. אלע פּאַרטייען האבען זיך אויף א ווילע פעראייניגט אין דער ערוועהלונג פון דעם פינפטען פּרעזידענט

## דזשיימס מאָנראָו 1817 ביז 1825.

דיא צייט פון מאָנראָו׳ס רעגירונג איז געוועזען דיא גליקליכסטע אין דער געשיכטע פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען. נאך דיא אלע מלחמות און היימישע צאַנקערייען, האט זיך דאָס פאָלק א נעהם געטהאן צו בילדען פעקטאָרים און בעארבייטען דיא אלע רויע מאַטעריאַלען אין וועלכע דאס לאַנד איז זאָ רייך; איבעראַל האט מען געזעהן צופרידענע, גליקליכע געזיכטער און ווען לאַפאַיעט האט אין 1824 געמאכט א וויזיט דער יונגער

האט אָרגאַניזירט איין עקספּעדיציאָן פיר מעקסיקאַ. מען האט איהם געפאַנגען און געמשפּט אַלס פעררעטהער. ער איז אָבער ארויס פריי. זיין הויכע פּאָזיציאָן האט ער דאך ניט עררייכט צוריק און איז געשטאָרבען אַ פערלאַסענער און בעשמוצטער.

## דזשיימס מעדיסאָן 1809 ביז 1817.

מעדיסאָן איז ערוועהלט געוואָרען מיט אַ גרויסער מאַיאָרי־טעט. ער איז וויא דזשעפערסאָן אויך געווען אַ דעמאָקראַט־רעפּובליקאַנער. דער פעדעראַליסטישער קאַנדידאַט, וואָס איז געלאָפען געגען איהם, פינקני (C. C. Pinkney) האט בלויז ערהאַלטען 47 עלעקטאָרישע שטימען.

אין דערזעלבער צייט האט דעם לאַנד געדראָהעט אַ נייע קריעג מיט ענגלאַנד. דיא ענגלישע רעגירונג האט נאך ניט פער־געסען דעם פריהערדיגען שווערען פערלוסט און האט געזוכט מיטלען ראַכע צו נעהמען פון אַמעריקאַנער שיפען אויף דיא אייראָפּעאישע וואַסערען. ענגלישע שיפען פלעגען בעפאַלען אַמע־ריקאַנער מיט דעם אויסרייד, דאס זיי זוכען דאָרטען אַנטלאָפענע ענגלישע מאַטראָזען און פלעגען ביי דיעזער געלעגענהייט אויס־שלאַכטען, פאַנגען דיא מענשען און זינקען אדער קאָנפיסקירען דיא שיפען מיט אַלעס וואס זיי האבען געפיהרט.

דיא דעמאָקראַטען־רעפּובליקאַנער אונטער דער פיהרונג פון קאַלהאון קליי און קראָפאָרד האבען ערקלעהרט קריעג געגען ענגלאַנד אין 1812. דיא פעדעראַליסטען האבען פּראָטעסטירט און דיא גובערנאַטאָרען פון קאָנעטיקוט און מעססעטשוזעטס

אנגעפאנגען, ווען וואשינגטאָן האט זיך ענטזאגט צו זיין א דריי־טען מאָל פּרעזידענט.

## דזשאָן אַדאַמס 1797 ביז 1801.

דיא פעדעראַליסטען האבען נאָמינירט דזשאָן אדאמס פיר פּרעזידענט און דיא דעמאָקראַט־רעפּובליקאַנער האבען נאָמינירט טהאָמאס דזשעפערסאָן. מיט א מאיאָריטעט פון בלויז צוויי עלעקטאָרס איז אדאמס ערוועהלט געוואָרען פיר פּרעזידענט, און דזשעפערסאָן פיר וויס־פּרעזידענט.

דיא דעמאָקראַט־רעפּובליקאַנער האבען אין זעהר פּלאַטפּאָרם אגיטירט דאס דיא רעגירונג זאָל שליסען א פריינדשאַפטליכען בונד מיט פראַנקרייך.

## טהאָמאַס דזשעפערסאָן 1801 ביז 1809.

דיא געשיכטע פון דזשעפערסאָנ׳ס אדמיניסטראַציאָן איז וועניג וויכטיג. דער איינציגער פאקט פון עטוואס וויכטיגקייט איז, דאָס ער האט אָבגעקויפט ביי פראַנקרייך דיא יעצטיגע סטייט לואיזשיענע פיר פונפצעהן מיליאָן דאָלער.

זיין וויס פּרעזידענט, עראָן בורר, איז געווען אלעקסאנדער האמילטאָנ׳ס ביטערסטער פיינד. עס איז געקומען דאצו דאס בורר האט ארויסגערופען דעם עקס־פּרעזידענט האמילטאָן אויף א דועל און האט איהם געטוידטעט אויף דעמזעלבען פּלאַץ, וואו האמילטאָנ׳ס עלטסטער זוהן איז ערמאָרדעט געוואָרען מיט איין יאָהר צוריק, אויך אין א דועל. בורר איז אנטלאָפען און

## דזשאָרדזש וואַשינגטאָן 1789 ביז 1797.

וואשינגטאָן האט געהאט פיעלע שווערינקייטען אין אָנפאנג. דיא טרעזשורי איז געווען לעדיג און קיין קרעדיט האבען נאך דיא פעראייניגטע שטאאטען ניט געהאט. דיא צוויי נייע פאר־טייען, דיא פעדעראליסטען און אנטי פעדעראליסטען, וועלכע האבען זיך אין אָנפאנג פון וואשינגטאָנס רעגירונג א נאָמען גע־געבען, דעמאָקראטיק־רעפּאָבליקאן פארטי (Democratic-Republican Party) האבען צווישען זיך שרעקליך געשטריטען. דיא פעדעראליסטען מיט אלעקסאנדער ה א מ י ל ט אָ ן און דזשאָן א ד א מ ס אלס פיהרער האבען געהאלטען מיט וואשינגטאָנס רעגגרונג, און דיא דעמאָקראטיק־רעפּאָבליקאן פארטי, מיט טהאָמאס ד ז ש ע פ ע ר ס אָ ן און דזשיימס מ ע ד י ס אָ ן אלס פיהרער זיינען געווען געגנער פון אזא ארט רעגירונג און פון דער קאָנסטיטוציאָן.

דזשאָרדזש וואשינגטאָן איז אָבער געווען ניט נור דער עהר־ליכסטער מענש אויף דער וועלט און דער גרעסטער גענעראל צו יענער צייט, נור אויך זעהר א קלוגער דיפּלאָמאט און עס האט איהם געלונגען צו מאכען שלום צווישען דיא צוויי פארטייען, און אין דער צייט וואָס ער איז געווען פרעזידענט האבען דיא צוויי געגנער־פארטייען געלעבט צווישען זיך פריעדליך און איינ־שטימיג. ער האט אין זיין קאבינעט (מיניסטעריום) הערייננענו־מען דיא אנפיהרער פון ביידע פארטייען.

דער קאמפף צווישען דיא צוויי פארטייען האט זיך ווידער

ליסטען. זיי האבען אפילו אויך צוגעגעבען, אז וויא עס פיהרט זיך יעצט איז ניט גוט, דיא שטאאטען דארפען צווישען זיך זיין מעהר און נעהנטער פעראייניגט; אָבער דאך האבען זיי געוואָלט דאָס יעדער שטאאט זאל זיין פאר זיך א בעזאָנדערע רעגירונג אין אלעמען, דאָס הייסט: זיי זאלען זיין דרייצעהן רעגירונגען פערבונדען דורך א טראקטאט.—דיא קאָנסטיטוציאָן און דיא ארט רעגירונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען היינט איז דאס רעזולטאט פון דעם קאמפף צווישען דיעזע צוויי פארטייען.

אין 1787 האבען דיא דרייצעהן סטייטס געשיקט זייערע פערטרעטער נאך פילאדעלפיא און נאך פיער מאָנאטליכע שווע־רע ארבייט איז דיא געוועהלטע פערטרעטער געלונגען צו פער־פאסען דיא קאָנסטיטוציאָן, וועלכע דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא בעזיצט ביז אויף היינטיגען טאָג.

דיא קאָנסטיטוציאָן איז אנגענומען געוואָרען אויפ'ן קאָנגרעס אין פילאדעלפיע פון דיא פערטרעטער פון דיא דרייצעהן שטאא־טען אין 1787, פון דעסטוועגען האבען נור עלף סטייטס זיא בעשטעטיגט יעצט אין 1788. דיעזע קאָנסטיטוציאָן איז אריין אין קראפט אין מערץ 1789.

דעם 30טען אפריל איז ד זש א ָר ד ז ש ו ו א ש י נ ג ט א ָ ן ער־וועהלט געוואָרען אלס דער ערשטער פרעזידענט פון דיא פער־אייניגטע שטאאטען.

סערוואטיִוע) און דיא הוויגס (ליבעראלע).— דיא טאָריעס האָ=
בען סימפּאַטיזירט מיט ענגלאנד און האבען געטהאן אלעס מעג-
ליכעס איהר צו העלפען אונטערצודריקען דיא רעוואָלוציאָן. זעהר
אָפט זיינען זיי געוואָרען שפּיאָנען ביי דער ענגלישער רעגירונג
און האבען פערראטהען זייערע מיט=בירגער. דיא צווייטע פּארטיי
דיא הוויגס זיינען דאס געווען דיא רעוואָלוציאָנערען און דיא
סימפּאַטייזער פון דער נייער רעפּובליק.

דער קאמפּף צווישען דיא צוויי פּארטייען איז פאָרטגעזעצט
געוואָרען אויך דאָן ווען דיא רעוואָלוציאָן האט זיך שוין געענדיגט
און ענגלאנד זעלבסט האט שוין אנערקענט דיא פעראייניגטע
דרייצעהן סטייטס אלס א זעלבסטשטענדיגע רעפּובליק. זיי האָ-
בען געררייצט איין סטייט געגען דעם אנדערען אָדער געגען קאָנ-
גרעס און עס האט זיי געלונגען.—דיא סטייטס האבען געקוקט
מיט אייפערזוכט איינע אויף דיא אנדערע און ווען איין סטייט
האט געזאגט טאָג האט דער צווייטער געשריען נאכט.

אין דיעזער קריטישער צייט איז בעשאפען געוואָרען א נייע
פּארטיי, וועלכע האט זיך גערופען פעדעראליסטען (Federalists)
זייער פּלאטפּאָרם איז געווען, אז דיא נייע דרייצעהן שטאאטען
זאלען זיך פערבינדען אין א צענטראל רעגירונג, דאס הייסט, אז
דיא פערטרעטער פון דיא דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען
זאלען מאכען געזעצע פיר דאס גאנצע לאנד און זאלען שליסען
פערטראגען מיט אויסלענדישע רעגירונגען, און אלע שטאאט
זאָלען מוזען פאָלגען וואס דיא צענטראל רעגיערונג וועט בע-
שליסען. דיא צווייטע פּארטיי האט זיך גערופען אנטי=פעדערא-

דער גרעסטער שלאג פיר ענגלאנד איז געווען דיא קאפּיטו-לאציאָן (אונטערגעבונג) פון לאָרד קאָרנוואליס אין יאָרקטאָן אין 1781, ווען ער האט איינגעזעהן דאָס ער קען ניט בייקומען דיא פעראייניגטע ארמעען פון וואשינגטאָן און דעם פראנצויזישען גענעראל ראשאמבא. ענדליך, דעם 3טען סעפּטעמבער 1783, האט ענגלאנד נאכגעגעבען און האט אנערקענט דיא אונאבּהענגיגקייט פון איהרע פריהערדיגע קאָלאָניעס און געשלאָסען אין פּאריז פריעדען מיט זיי אלס „פעראייניגטע שטאאטען פון נאָרד אמעריקא".

---

### דריטע עפּאָכע.

## דיא קאָנסטיטוציאָן 1787 ביז 1861.

ווען דיא רעוואָלוציאָן האט זיך געענדיגט, זיינען דיא קאָלאָניעס געווען אין זעהר א טרויעריגער לאגע. דיא פינאנצען זיינען געווען זעהר שלעכט דיא קאָממערץ האט פיעל געליטען, דיא ארמעע האט געפּאָדערט געהאלט און קיינער האט ניט געוואוסט וואָס דאָ וועט ווערען.

איינעגע האבען אפילו פאָרגעשלאָגען אז וואשינגטאָן זאל ווערען קעניג; אבער ער האט זיך ענטזאגט מיט א שוידער. ער האט בערוהיגט דיא ארמעע און זיי געראטהען צו זיין איניג און רוהיג.

אין דער גאנצער צייט פון קריעג האבען עקזיסטירט צוויי פּאָליטישע פּארטייען: דיא טאָריעס (מאָנארכיסטען, קאָנ-

(14טען אויגוסט), דעלעווער (20טען סעפּטעמבער), און נאָרטה קעראָלאינע (18טען דעצעמבער).

דיא מלחמה איז דערווייל אָנגעגאַנגען אין אַלע ווינקלען. אין דיא יאָהרען פון 1776 ביז 1783 האט ענגלאַנד ניט געשפּאָרט קיין מענשען און קיין געלד צו בעזיעגען איהרע נאָרד אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס. אין דער ערשטער שלאַכט אין לאָנג איילענד, האט וואַשינגטאָן געמוזט אַנטלויפען מיט גרויס פערלוסט. ער איז אַוועק נאָך פילאַדעלפיע און דאָרט, אין דער צווייטער שלאַכט אויף דער שיף ברענדיוויין האט ער אויך ניט געהאט קיין בעסער גליק. ווער ווייסט וויא עס וואָלט זיך געענדיגט ווען פראַנקרייך, וועלכע איז אימער געווען אייפערזיכטיג אויף ענגלאַנד, וואָלט ניט געקומען צו הילף. דיא אַמעריקאַנער אַרמעע איז געווען זעהר קליין און שלעכט בעוואַפענט, דאַגעגען דיא ענגלישע אַרמעע איז געווען צאַהלרייך, זעהר גוט בעוואַפענט און דיא בעסטע אין דער וועלט צו יענער צייט. דאָך, זאלכע מענער וויא דער פראַנצויזישער גענעראַל לאַפאַיעט, וועלכער האט זיך זעלבסט פאַרגעשלאָגען אַלס אַ וואָלאָנטיר, (פרייוויליגער) אָהנע בעלוינונג; גראַף פולאַסקי און אַנדערע העלדען קומענדיג פון פערשיעדענע אייראָפּעאישע לענדער, האבען בעגייסטערט און פעראייניגט דיא צו־וואָרפענע רעוואָלוציאָנערע אַרמעען און זיי געפיהרט צום זיעג.

אויסער פראַנקרייך האט אויך האָלאַנד און נאַכהער רוסלאַנד געשטיצט דיא רעוואָלוציאָנערען מיט מענשען און געלד. אַלעס ניט מאהבת אַמעריקא און פרייהייט, נור משנאת ענגלאַנד.

דעם דריטען יולי איז דיעזער בעריהמטער דאָקומענט, דיא דעקלעריישאָן אָף אינדעפּענדענס, געשריעבען פון טהאָמאַס דזשעפערסאָן, אָפיציעל פאָרגעבראַכט געוואָרען פאַר'ן קאָנגרעס און נאך א לאנגער און הייסער דעבאַטע, וועלכע האט געדויערט ביז דעם נעכסטען טאג צוויי אוהר נאכמיטאג, איז דיעזע רעזאָלוציאָן אָנגענומען געוואָרען צווישען דיא טריאומף געשרייען פון אַלע אנוועזענדע.

זאָ גרויס איז געווען דיא בעגייסטערונג, דאס דיא בעפעלקערונג איז אייננפאך געוואָרען ווילד פון פרייד. דיא קלויסטער־גלעקער האבען געקלונגען א גאַנצע נאַכט, און דעם קעניג'ס פלעג איז אראָפּגעריסען געוואָרען פון קאָורט־האַוס און פערברענט געוואָרען עפענטליך אין גאַס. אין ניו יאָרק האבען אַנדערע פּאַטריאָטען צובראָכען דיא בלייענע סטאַטוע פון קעניג דזשאָרדזש III און זיא צושמאָלצען אויף קוילען.

דיעזע דעקלעריישאָן אָף אינדעפּענדענס איז אונטערגעשריבען געוואָרען פון קאָנגרעס דעם צווייטען אויגוסט 1776 און דער פּרעזידענט פון דיעזען קאָנגרעס, דזשאָן הענקאָק האט דאביי בעמערקט: „יעצט טאָרען מיר ניט ציעהען אין פערשיעדענע זייטען, מיר מוזען אלע הענגען צוזאמען“.

„ווען מיר ווען וועלען ניט הענגען צוזאמען, וועט מען אונז אויפהיינגען איינציגווייז“ — האט געענטפערט בענדזשאמין פרענקלין.

אין דעם זעלבען יאָהר האבען פאָלגענדע שטאַאטען אדאָפּטירט זייערע אייגענע קאָנסטיטוציאָנען: ניו־דזשערזי (2טען יולי), ווירדזשיניע (5טען יולי), פענסילווענניע (15טען יולי), מערילענד

בעשלאָסען געוואָרען, צו זאמלען א גרויסע ארמעע, קויפען גע־
וועהר און בויען שיפען. דזשאָרדש וואשינגטאָן איז ערוועהלט
געוואָרען אלס הויפּט קאָמאַנדיר.

---

צווייטע עפּאָכע.

## דיא גרויסע רעוואָלוציאָן 1775 ביז 1787.

רהאָוד איילענד (Rhode Island), דיא קלענסטע שטאאט
היינט אין לאנד, איז געוועזן דיא ערשטע פון דיא קאָלאָניעס
וואָס האט זיך עפענטליך ערקלעהרט פריי פון יעדע אונטער־
טהעניגקייט צו ענגלאנד. דאָס איז געוועזן 14טען מאי 1776.

דעם 7טען יוני האט ריטשארד הענרי לי (Lee) פון וויר־
דזשיניא אויפ׳ן קאָנגרעס פאָרגעשלאָגען דיא פאָלגענדע בעריהמטע
רעזאָלוציאָן:

„בעשלאָסען דאס דיא פעראייניגטע אמעריקאנער קאָלאָ־
ניעס זיינען, און ביי רעכט מוזען זיין פריי און אונאבהענגיג;
דאס יעדע פּאָליטישע פערבינדונג צווישען דיעזע קאָלאָניעס און
דער ענגלישע רעגירונג איז געענדיגט“.

דזשאָן עדעמס האט אונטערשטיצט דיעזע רעזאָלוציאָן און
דיא פאָלגענדע קאָמיטעע איז דעם 8טען יוני ערוועהלט געוואָרען
צו שרייבען דיא ערקלעהרונג פון זייער זעלבסטשטענדיגקייט
Declaration of Independence: טהאָמאַס דזשעפערסאָן,
בענדזשאמין פרענקלין, דזשאָן עדעמס, ראדזשער שערמאַן און
ראָבערט ליווינגסטאָן.

דענהייט האט ענדליך עררייכט אזא שטופע, דאס אין 1773, ווען ענגלישע שיפען געלאָדען מיט טהעע זיינען אָנגעקומען נאך באָסטאָן, האבען דיא איינוואָהנער, פארמאסקירט אלס אינדיאַנער, געשטורמט דיא שיפען און אריינגעוואָרפען דיא גאנצע טהעע אין וואסער.

אלס שטראַפע האט דיא ענגלישע רעגירונג ארויסגעלאָזט דעם בעוואוסטען באָסטאָן פּאָרט-געזעץ: דאָס הייסט, זיא האט פערמאכט דעם באָסטאָנער פּאָרט פיר יעדען מסחר; דער הויפּט-זיץ פון דער רעגירונג איז איבערגעפיהרט געוואָרען פון באָסטאָן נאך סיילעם, איין אנדער שטאָדט אין מעססעטשוזעטס.

דאָס איז געווען דער ערשטער סיגנאַל פון מלחמה, און ווירקליך, אין 1775, ווען א קליינע ענגלישע רעגימענט סאָלדאטען איז ארויסגעשיקט געוואָרען נאך קאָנקאָרד צו פערניכטען דיא דאָרטיגע ארסענאַלען פון דיא רעוואָלוציאָנערען, איז דער רעגימענט אטאקירט געוואָרען פון אָרגאניזירטע קאָלאָניסטען, וועלכע האבען געצוואונגען דיא ענגלישע סאָלדאטען זיך צוריקצוציעהען.

אין אפּריל, דעם זעלבען יאהר איז דער ענגלישער גאָווערנאָר און זיין ארמעע אטאקירט געוואָרען פון 20,000 רעוואָלוציאָנערען, און צוויי ענגלישע פעסטונגען זיינען דאבּיי געפאלען. דאס אלעס האט דעם אונצופריעדענעם פאלק צוגעגעבען גרויסען מוטה.

אין א מאָנאט שפּעטער האט זיך אין פילאדעלפיא פערזאַמעלט דער קאָנגרעס פון דיא קאָלאָניעס, אויף וועלכען עס איז

יאָהר 1619. אין דער זעלבער צייט איז געלייגט געוואָרען דער פונדאמענט פון דיא ניו־ענגלענד קאָלאָניעס, דורך עמיגראנטען וואָס האבען זיך גערופען „פילגרים פאדהערס״. זיי האבען זיך גערעכענט פאר גרויסע מיוחסים, ווייל זיי זיינען אריבערגעקומען אויף דער שיף מיי־פלאוער און אלע, הונדערט אין צאָהל, האבען געשטאמט פון הויכען גראד. זייער הויפּטמאן, ראדזשער וויליאמס, וועלכער האט געמוזט אנטלויפען פון מעססעטשוזעטס איבער זיינע פרייערע רעליגיאָנס אידעען האט געבויט דיא שטאָדט פּראָווידענס, אין סטייט ראָוהד איילענד אין 1636.

דיעזע קאָלאָניעס האבען אלע אנערקענט ענגלאנד אלס זייער הויפּט־רעגירונג און האבען איהר געצאָהלט טעקסעס (שטייער) וויא יעדע אנדערע לאנד איבער וועמען ענגלאנד רעגירט.

דיא ערשטע יאָהרען פון דיעזער עפּאָכע זיינען זעהר ארם אין וויכטיגע עררייגניסע. דיא וויכטיגסטע פּיעללייכט איז דיא זיעבען־יעהריגע קריעג מיט פראנקרייך, וועלכע האט אין דיעזען קריעג פערלאָרען קענעדע. געענדיגט האט זיך דיעזער קריעג אין 1763.

וויא באלד דיעזע מלחמה איז פאָראיבער, האט דיא ענגלישע רעגירונג אנגעהויבען צו דריקען איהרע אמעריקאנישע קאָלאָניעס אלעס מעהר און מעהר, ארויפלייענדיג אויף זיי אימער שווערערע טעקסעס. קיינע פּראָטעסטען האבען געהאָלפען; נור ווען זיא האט ארויפגעלעגט נייע טעקסעס אויף טהעע, פּאפּיער, גלאָז און נאך אזעלכע נעטהיגע בעדירפניסע, האט דיא אונצופריעדענהייט זיך בעוויעזען אין פולער מאכט. דיא אונצופריע־

ערדעלע מענער, וואס האבען געמאכט דיא פערשיעדענע געזעצע, געעפענט דיא טהירען און טהויערען פון דיזער פרייער לאנד פאר אלע פערפאלגטע און אונטערדריקטע אין דער אלטער מאָנארכישע וועלט.

וואָס בעדייטען אייגענטליך דיא צוויי גרויסע פארטייען, פיר וועלכע ער שטימט יעדען וואהל? פון וואנען שטאמען דיעזע פארטייען? וואָס פאר א נאציאָנאלע פראגע האט זיי געבראכט אויף דער וועלט?

דיא פאָליטישע געשיכטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען קען מען צוטהיילען אויף פיער עפאָכען, אָדער צייט־רוימען:

---

ערשטע עפאָכע.

## ענגלישע קאָלאָניעס 1607—1775.

דיא ענגלישע קאָלאָניעס אין אמעריקא זיינען געגרינדעט געוואָרען פון צוויי קאָמפאניעס: דיא „פלימוטה" און „לאָנדאָן קאָמפאניע".

דיא לאָנדאָן קאָמפאניע האט ארויסגעשיקט איהר ערשטע עקספעדיציאָן אין 1607 און דיא עמיגראנטען האבען זיך בעזעצט אין דזשיימסטאָון (Jamstown), וואס איז יעצט דיא סטייט ווירדזשיניע (Virginia). דיא פלימוטה קאָמפאניע האט בעזעצט איהרע קאָלאָניסטען אין מאססעטשוזעטס (Massachusets).

פערשיעדענע אנדערע קאָלאָניעס, קליינע און גרויסע האָבען אנגעהויבען צו וואקסען איבערן גאנצען לאנד, און דיא ערשטע פערזאמלונג פון זייערע פאָרשטעהער האט שטאטגעפונען אין

# דיא געשיכטע

— פון דיא —

# פעראייניגטע שטאַאטען.

---

אין דער וואהרהייט דאס מענשען מאכען דיא היסטאָריע און ניט פארקעהרט, קען זיך יעדער לייכט איבערצייגען ווער עס בלעטערט דורך דיא פאָליטישע געשיכטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע, פון צו־וואָרפענע קאָלאָניעס, אונטער דער שוץ און בייטש פון דער ענגלישער רעגירונג אין 1607, זיינען אין צירקא 260 יאָהר געוואָרען דיא פרייע, גרויסע און רייכע רעפובליק פון הייטע, און האבען עררייכט דיא העכסטע שטופע פון ציוויליזאציאָן און פראָגרעס. דיעזע פאָליטישע געשיכטע, איז בלויז דאָס, וואָס אמעריקא׳ס גרויסע מענער, וויא וואשינגטאָן, פרענקלין און אַנדערע האבען איהר געמאַכט.

דער קאמפף צווישען דיא פּארטייען, וועלכע פון וואשינגטאָן ביז מעק׳קינלי, האבען געקעמפפט פיר דער העכסטער עהרע און בעזיץ פון אָנקעל סעם, זיינען מעהר וויא גענוג אום צו גע־בען יעדען, וואס אינטערעסירט זיך דאמיט א ריכטיגע אידעע פון דעם לעבען און שטרעבען פון אַלע פּרעזידענטען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען. און ווירקליך פיר דעם פערנינפטיגען, אינטעליגענטען מאַן, יעצטיגען אָדער צוקינפטיגען בירגער איז מעהר קיין פראגע ניט, דאס עס איז זיין הייליגער פפליכט צו האבען אם וועניגסטען א בעגריף ווער זיינען עס געוועזען דיא

דיא געשיכטע

# פון דיא פעראייניגטע שטאאטען

## פון נאָרד אַמעריקאַ.

פון דער צייט ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען דיא ערסטע

קאָלאָניעס ביז דער יעצטיגער צייט.

— פון —

נ. מ. באַבאַד.

---

ניו יאָרק

פערלאַג פון יעקב סאפירשטיין,

228 מעדיסאָן סטריט.

צווייטער טהייל

# דיא פעראייניגטע שטאאטען.

דיאַנער, דארום האט דיא ענגלישע רעגירונג צוגערעדט דיא ע־גלישע קאָלאָניעס זיי זאלען צוזאמענשטעלען א פעראייניגטע ארמעע געגען זייער אלגעמיינעם פיינד. דיא קאָלאָניעס האבען זיך געלאזען איינרעדען, זיי האבען זיך פעראייניגט און ארויסגע־שיקט געגען פיינד — פראנקרייך און דיא אינדיאנער — איין ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון מאיאָר דזשארדזש וואשינגטאָן. דיעזע פעראייניגונג האט שפעטער בעשאפען דיא פעראייניגטע שטאאטען.

דעם פּראָגרעס פון דער נייער וועלט. דיזע קריעג איז בעקאַנט אין דער אמעריקאַנער געשיכטע מיט דעם נאָמען „קווין אַננעס קריעג“.

אין דיזע שטרייטען האָבען דיא קאָלאָניסטען גענומען אנט-הייל ניט אלס זעלבסטשטענדיגער פערבאַנד, נור אלס אונטער-טהענער פון דער ענגלישער קווין.

יעצט שפּעטער, ווען דיא אייראָפּעאישע מאָנארכען האבען אָנגעפאַנגען צו רייסען זיך איבער דיא ריכטיגע הערשאַפט אין דער נייער וועלט, האבען פיעלע פון דיא קאָלאָניסטען אנגעפאַנ-גען זיך הערומצוזועהן, אז מען דארף זיי אלע ניט האבען אין דער נייער וועלט און, אז דיא קאָלאָניעס ווען זיך קאָנען זעלבסט רעגיערען אָהנע צו האָבען א רעגיערער איבער זיך אין אייראָפּא.

אין 1756 ווען עס האט אויסגעבראָכען דער שרעקליכער קריעג אין נאָרד אמעריקא צווישען דער פראנצויזישער רעגירונג מיט דער ענגלישער. דער פראנצויזישער קעניג האט געקליימט, אז ניו ענגלאַנד, האלב פון דער קאָלאָניע ניו יארק און גאַנץ מיסיסיפּי, איז זיין אייגענטהום, ווייל פראנצויזען זיינען געוועזען דיא ערסטע ענטדעקער פון דעם. ענגלאַנד אבער איז געוועזען דער אוחז ביד, דיעזע אלע קאלאניעס זיינען רעגיערט געווארען פון איהר און דיא מעהרסטע קאָלאָניסטען זיינען געוועזען ענגלענדער.

פראנקרייך האט זיך אין דיעזער קריעג פעראייניגט מיט דיא אינדיאַנער. דיא ענגלישע ארמעע אין אמעריקא איז געוועזען צו שוואַך געגען דער פראנצויזישע ארמעע און דיא העלדישע אינ-

גרויסע און מעכטיגע קאָלאָניעס, דיא מעכטע האבען זיך ארומ־
געזעהן, אז עס וואקסען אין דער נייער וועלט גרויסע לענדער און
עס איז צייט צו פערשפרייטען איבער דיעזע לענדער זייער הערר־
שאפט. יעצט איז געווארען צווישען זיי א רייסעריי.

קליינע שטרייטען צווישען דיא אייראפעאישע ארמעען אין
אמעריקא איז אפילו זעהר אפט פארגעקומען אויך פריהער, ווען
אין דער נייער וועלט האָבען זיך נור וואס אָנגעפאנגען גרינדען
קאָלאָניעס; אבער דיא אורזאכען פון דיעזע שטרייטען איז ניט
געווען הערויסצורייסע לענדער איין רעגיערונג פון דער אנדערער,
נור דיא צאנקערייען צווישען דיא מאָנארכען אין אייראָפּא, וועגען
א קעניגליכען טהראָן און אנדערע שטרייטיגקייטען צווישען זיי
איז אויך פערלשעפט געוואָרען נאך דער נייער וועלט, וואו דיא
איינוואנדערער און דיא ארמעען פון דיא אייראָפעאישע רעגיע־
רונגען האָבען צווישען זיך וועגען דעם געשטריטען.

דיא וויכטיגסטע פון דיזע שטרייטען איז געווען אין 1702,
ווען קעניג וויליאם איז געשטאָרבען און זיין שוועסטער אַנע
האט בעטרעטען דעם ענגלישען טהראָן. — פראנקרייך האט
געפיהרט מיט ענגלאנד קריעג, זיא האט געוואָלט, דאס דזשיימס,
קווין אננע׳ס פאָטער זאל צוריק ווערען קעניג אין ענגלאנד.
דיזע צאנקערייען, וועגען דעם ענגלישען טהראן, איז אויך פער־
שלעפט געוואָרען נאך אמעריקא. דיא שפאניער האבען זיך דאָן
פעראייניגט מיט דיא פראנצויזען געגען דיא ענגלענדער. דיזע
קריעג וועגען דעם ענגלישען טראהן האט פערניכטעט הונדער־
טער קאָלאָניעס אין נאָרד אמעריקא און האט אָבגעהאלטען

אונאבהענגיקייט. דורך דיעזער פירכטערליכער קריעג האט דיא מאָנארכישע רעגירונג אין אמעריקא מיט איהרע אייגענע הענד געגראָבען פאר זיך א קבר, און אויף איהר קבר איז הערויסגע־וואקסען דיא מעכטיגסטע און פרייעסט רעפּובליק.

ווען אמעריקא איז נאך געווען נור אן איינוואנדערונגס פּלאטץ, קאלאָניעס האבען זיך נור וואס אנגעפאנגען צו בילדען האבען דיא אייראָפּעאישע פיער מעכטע, שפּאניען, ענגלאנד, פראנקרייך און האָלאנד, וועלכע האבען געוועלטיגט אין דער נייער וועלט ניט געקריעגט זיך צווישען זיך איבער א שטיק לאנד אדער טע־ריטאָריע. זיי האבען נור געזוכט הערויסצוקריגען פון דער נייער וועלט פיר זיך וואס מעהר רייכטהום.

דיא ענגלישע קעניגין איז געווען דיא ערסטע ערפינדערין, אז צו אימפּאָרטירען שקלאפען אין דער נייער וועלט איז איין איינ־קינפטיגעס געשעפט און באלד האט שפּאניען גענומען קאָנקורירען מיט ענגלאנד אין דעם מענשען האנדעל. דיא קאָנקורענץ איז געווארען צו שטארק און דאדורך דיא פּערדיענסטען אין דעם שקלאפען האנדעל צו שוואך, דארום האט ענגלאנד מיט שפּא־ניען געמאכט, אין 1713 צווישען זיך א טראָסט אויף דעם מענ־שען האנדעל, איין פיערטעל שעהרס (אקציען) פון דעם שקלאפען טראָסט האט בעקומען קעניגין אננע פון ענגלאנד, איין פיערטעל דער קעניג פון שפּאניען און איין האלב פּריוואט סוחרים. אין 33 יאָהר צייט האט דיעזער קעניגליכער טראָסט פערקויפט אין אמעריקא 144,000 נעגערס פיר שקלאפען.

דערווייל האט זיך אין דער נייער וועלט נעבילדעט פיעלע

דיא ווייסע. זיי האבען געארבייט וויא טאג אזוי נאכט, ביז זיי האבען פערוואנדעלט א וויסטענעס אין דיא רייכסטע און מעכטיגסטע, אין דיא שעהנסטע און אנגענעהמסטע לאנד אין דער גאנצער וועלט.

נאכדעם וויא דיא קאָלאָניסטען האבען בעקעמפּפט דיא וויסטענעס, זייער צאהל אין דיעזען לאנד איז געווארען גרויס, זייער פּערמעגען פיעל, זיי האבען געבויט שטעדט און דערפער האבען אויסגעבראכען אלערליי מלחמות צו ליעב דיא אייראפּעאישע מעכטע וועלכע האבען זיך ניט געקענט צו טהיילען דיא הערר־שאפט איבער דער נייער וועלט.

דיא אייראפּעאישע הערשער האבען אימער געקוקט אויף אמעריקא, וויא אויף א גאָלד גרוב אנצופיקען זייערע אוצרות. יעדע פון זיי האט געהאט א פּרעטענזיע צו דער נייער וועלט. שפּאניען האט אלעס געהאלטען פאר איהר אייגענטהום, האָלאנד פאר איהרע, פראנקרייך פאר איהרע, און ענגלאנד פאר איהרע. דיעזע רעגירונגען האבען דארום געהאלטען גרויסע ארמעען אין דער נייער וועלט און יעדע האט פערניכטעט וואס דיא אנדערע האט געבויט. דיעזע געשלעגערייען האבען פערניכטעט זעהר פיעל קאָלאָניעס, האבען געטויטעט זעהר פיעל מענשען און האבען צו־ריק געהאלטען דעם פּראָגרעס פון דער נייער וועלט.

דיא 7 יעהריגע קריעג, וועלכע האט געדויערט פון 1756 ביז 1763 איז בעקאנט אין דער וועלט געשיכטע אלס דיא בלוטיגסטע און שווערסטע, וואס האט פערניכטעט דיא קאָלאָניעס אהן ער־בארמונג, אבער אויך וואס האט געפיהרט צו דער רעוואלוציאָן פאר

שטאאטען. אין דער אסאסיאיישען „מיי פלאוער" געהערען גאָ־ווערנערס, מיללי‍אָנערען, סענאַטאָרן און ערפינדער.

דיא ערסטע בעזוכער אין דיזען לאַנד זיינען געווען איינוואַנ־דערער, א קלאַסע מענשען וואס האבען אין אייראָפּא ניט געקענט געפינען זייער גליק, אָדער וואס האבען פאַנטאזירט פון גאָלד פון דיאמאַנטען און לוקסוס אָהן ארבייט, אדער וואס האבען אויף זיך געהאַט פערברעכען פאַר וועלכע זיי האבען בעדארפט פער־ליערען זייערע קעפּ. קאמפּאניעס וואס האבען געוואלט האָפּען רייכטהום, וויא דיא קלאָנדייק קאָמפּאניעס אין אונזערע צייטען, פלעגען צוזאמען נעהמען דיעזע סאָרטען מענשען און שיקען זיי נאך דער נייער וועלט. אבער זיי האבען ניעמאלס געהאַט אַיין ערפאָלג. זיי פלעגען ניט וועלען ארבייטען, זיי האבען ניט געלעבט בשלום, און זיינען אויסגעשטארבען איידער זיי האבען געקענט אנטלויפען צוריק. דיא איינציגע נוצען וואס דיא וועלט האט פון זיי געהאט, איז געווען וואס זיי האבען אויסגעטראטען דעם וועג פאר בעסערע מענשען.

דיא ריכטיגע קאָלאָניזאציאָן אין אמעריקא האט זיך אנגע־פאנגען, ווען דיא פּוריטאַנער דיא קוועיקערס, דיא הוגענאָטען און אנדערע רעליגיאָנס פערפאָלגטע פערזאנען זיינען צולאָפען פון דער אלטער וועלט אום צו לעבען פריי נאך זייער געוויסען. דיעזע קלאסען זיינען געקומען אום צו בעזעצען זיך אין דער נייער וועלט. זיי האבען געקעמפפט געגען אלע שוויריגקייטען, זיי האבען געקעמפפט מיט ארמוטה, זיי האבען געקעמפפט מיט דיא אינדיאנער וועלכע ווארען זעהר פיינדליך און שרעקליך צו

פערפאָלגט געווארען. דיא וואס זיינען געברענט און געקוילעט געווארען פאר זייער גלויבען האבען געזוכט איין אָרט וואו זיי זאלען קענען דינען זייער גאָט גאנץ אונגעשטערט, און זיי האָבען בעשלאסען אויסצו־וואנדערען אין דער נייער וועלט. דורך רייכע פריינדע און פּאָליטישענס האבען דיעזע פערפאָלגטע סעקטען גע־קראָגען איין ערלויבניס פון ענגלישען קעניג צו עמיגרירען נאָך דער נייער וועלט. זיי האבען געדונגען צוויי שיפען, דיא „ספּיד־וועל" און „מיי פלאוער". אין 1620 האבען זיי אָפּגערייזט נאָך אמעריקא. דיא ספּידוועל האט זיך אומגעקעהרט פון וועג, אבער דיא מיי פלאוער מיט 41 פאמיליען איז נאָך דריי און זעכציג טעג רייזע געקומען צו דער נייער וועלט. אויפ'ן וועג האבען דיא עמיגראנטען אויסגעארבייט דעם פּלאַן פון זייער רעגיערונג, הא־בען פערפאסט א קאָנסטיטוציאָן און דאס גאנצע פאָלק — 41 מאַן האבען אויפ'ן שיף אונטערשריבען דיא געזעצע פון זייער רע־גירונג אין א לאנד וואס זיי האבען נאָך ניט געזעהן און ניט געקענט.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין אמעריקא האבען זיי אויסגע־קליבען מאסאטשוזעטס פאר זייער היים. אין וועניגער וויא א יאָהר זיינען העלפט פון דיעזע אימיגראנטען אויסגעשטאָרבען פון ליידען, אבער דיא עטליכע וואס זיינען פערבליבען האבען גע־ארבייט און געקעמפּפט און זיינען געווארען דיא גרינדער פון ניו ענגלאנד. צו זיי זיינען באלד געקומען מעהרערע פריינדע און גענאָסען.

דיא קינדער פון דיא ערסטע איינוואנדערער אין מאסאטשו־זעטס שפּיעלען יעצט דיא גרעסטע ראָלע אין דיא פעראייניגטע

פאנגט זיך אָן בראָדוויי, ניו־יאָרק. דאס זיינען געווען דיא ערסטע איינוואַנדערער וואס האבען געמאכט א שטיקעל וואָהנונג אויף דעם ארט וואו יעצט שטעהט דיא צווייטע גרעסטע שטאדט אין דער וועלט.

דיא האָלענדער, וועלכע האבען געמאכט גוטע געשעפטען אין פוטער־וואארע (פאָר) און אנדערע וואארען האבען ניט אויפ־געהערט צו שיקען האנדעלס שיפען און מאכען קליינע סטאַצי־אָנען ארום האָדסאָן ריווער, ביז אָלבאַני.

דיא האָלענדער קאָמפּאַניע האט דאָן ארויסגענומען א טשאר־טער פון דער האָלענדישע רעגיערונג, וואס האט זיי געגעבען דאס רעכט צו האנדלען אין דער נייער וועלט פון קייפּ מיי ביז נאווא סקאָטיא. דער שטיק לאנד איז אנגערופען געווארען „ניו ניעדערלאנד". אבוואהל דאס האט אין זיך כולל געווען דאס לאנד וואס קעניג דזשיימס האט אוועקגעגעבען דיא ענגלישע קאמפּאַניע איז דאָך צוליעב דעם צו קיין שטרייט ניט געקומען. דיא האלענדער האבען געגומען שיקען איינוואנדערער וועלכע האבען זיך בעזעצט אויפ'ן מאנהאטען אינזעל און האבען געלייגט דעם פונדאמענט פון ניו אמסטערדאם, דיא יעצטיגע ניו־יאָרק.

אין דיעזער צייט האט זיך אין ענגלאנד אָנגעהויבען א שרעק־ליכע רעליגיאָנס פערפאָלגונג. דיא רעפאָרם בעוועגונג וואס איז ארויסגעקומען פון דיא לעהרען פון דיא רעפאָרמער, לוטהער, קאלווין און אנדערע, האבען געבראכט רעליגיאָנס פערפאָלגונגען אין ענגלאנד. מיט שטאל, מיט פייער און מיט אלע אינקוויזיציאָנען, וויא דיא אידען אין שפּאַניען זיינען פיעלע רעליגיאָנס סעקטען

געווארען אין באַראָוס (בעצירקען) מיט אייגענע בעאמטע און אייגענע געזעצע. א פּאַרלאמענט איז איינגעפיהרט געווארען אין דיא באַראוס און דיא איינוואנדערער האבען זיך אליין רעגירט.

אין 1621 איז פון ענגלאנד געקומען א שיף מיט 150 יונגע פרויען וועלכע זיינען געווארען דיא ווייבער פון דיא בעסטע אי־מיגראנטען און דיא מוטערס פון דיא שפּעטערע קאָלאָניסטען און דיא קעמפּפער פאר דיא פרייהייט פון דיא פעראייניגטע שטא־אטען.

אין דערזעלבער צייט, וואס דיא ענגלענדער האבען געעפענט איין איינוואנדערונג און עטאבלירט א קאָלאָניע אין ווירדזשיניע האבען דיא האָלענדער געשניטען זייער וועג אין זעלבען נארד אמעריקא, דורך זייערע פאָרשונגען און איינוואנדערונגען ארום דעם האָדסאָן ריווער, וואו זיי האבען געגרינדעט ניו־אמסטער־דאם, דיא יעצטיגע ניו־יאָרק.

אין 1610 האט א קאמפּאניע פון האָלענדישע סוחרים אונ־טער דעם נאמען דיא „דאָטש איסט אינדיא קאמפּאניע" ארוים־געשיקט א שיף מיט וואארע צו האנדלען אָרום האָדסאָן ריווער. נאך דער ערסטער עקספּעדיציאן זיינען געקומען נאך איינינע, ביז דער קאפּיטאן בלאָק האט אונטערנומען דיא געפעהרליכע רייזע איבער'ן איסט ריווער, וואו עס ליעגט דער קעסעל גרוב, וועלכען מען רופט נאך יעצט „העל גייט" (דער טויער פון גיהנים). בלאָק'ס שיפעל איז אין יאהר 1613 אפּגעברענט געווא־רען, און דער קאפּיטאן מיט זיינע לייטע ווארען געצוואונגען צו מאכען פאר זיך ביידלעך נעבען יעצטיגען באָילינג גרין, וואו עס

בייטען וויל האבען זיין ארבייט פאר זיך, ניט אין שותפות. זיי האבען פערטהיילט דיא ערד צווישען זיך און יעדער האט געאר־בייט פלייסיג.

אין 1617 איז אין ווירדזשיניע געוועזען איבער טויזענד ענגלענ־דער, וועלכע האבען געלעבט פון זייער ארבייט. דיא פיינדשאפט און שטרייטיגקייטען מיט אינדיאנער איז געענדיגט געווארען דורך א מוטהיגען שריט. איין ענגלענדער, קאפיטאן ארגאל, האט פער־נארט דיא טאָכטער פון אינדיאנער טשיף, וועלכע האט גערע־טעט קאפיטאן סמיטה׳ס לעבען און האט זיא געהאלטען געפאנ־גען אויף זיין שיף ביז איהר פאטער האט זיא אויסגעקויפט מיט א פריעדענס פערטראג, וואס ער האט אפגעשלאסען מיט דיא ענגלענדער. זיין טאָכטער האט זיך דערווייל איינגעליעבט אין איין ענגלישמען און איז געווארען א קריסטין. איהר פאטער דער אינדיאנער הערשער האט צוגעשטימט צום שידוך און דאס האט פערשטארקט דיא פריינדשאפט צווישען דיא ענגלענדער און דיא אינדיאנער.

ביז דאנען און אויך א צייט נאכדעם איז ווירדזשיניע נאך אלץ געוועזען בעפעלקערט פון איינוואנדערער. קיינער האט דארט געהאט א פאמיליע. יעדער האט געהאלטען ענגלאנד פאר זיין היים. דיא איינוואנדערער האבען אבער דערווייל אויסגעארבייט דעם געשעפט פון טאבאק, וועלכער איז געגאנגען אלס ארטיקעל נאך אייראפא און איז אויך בענוצט געווארען אלס געלד אין ווירדזשיניע.

אין 1619 זיינען דיא איינוואנדערער פון ווירדזשיניע צוטהיילט

מען האט זיך ארומגעזעהן אין לאָנדאָן דאס גאַנץ אנדערע מענשען זיינען נויטהיג צום פּלאַן, צו מאכען א לאנד אין דער נייער וועלט. דיא „לאָנדאָן קאמפּאניע" האט דארום ארויסגע־שיקט א נייע עקספּעדיציאָן פון פינף הונדערט לייטע. צוויי שי־פען מיט פיעלע פּערזאנען זיינען אויפ'ן וועג אונטערגעגאַנגען. דיא וואס זיינען אנגעקומען אין ווירדזשיניע האבען געמאכט מעהר שאדען וויא נוצען. זיי וואַרען מייסטענס פערברעכער און שאַרלאַטאנעס. זיי האבען געמאכט אלערליי צרות, דעם בראווען פאָרשטעהער קאַפּיטאַן סמיטה. הונגער האט געהערשט אין דזשיימסטאָן, דיא קאָלאניסטען וואס האבען זיך געווענדעט צו דיא אינדיאנער זיינען ערמאָרדעט געווארען אונערבאַרימליך. פון דיא פינף הונדערט איינוואנדערער זיינען געבליבען זעכציג, און דיעזע האבען זיך ענדליך פערקליבען אויף שיפעלעך און זיינען צופאהרען נאך ניו פאָנדלאנד, וואו ענגלישע פישער האבען זיך געפונען.

אבער מערקווירדיג אין דעם זעלבען טאג (1610) וואס דזשיימסטאָן איז אויסגעלעדיגט געווארען פון דיא ערסטע ענג־לענדער, זיינען אנגעקומען א פּאאר שיפען מיט אנדערע ענגלישע איינוואנדערער, וואס לארד דעלאווער האט געפיהרט. דיעזע נייע איינוואנדערער וואַרען פון א גאנץ אנדער סאָרט, זיי וואַרען פלייסיג, רוהיג און געהאָרכזאם און מיט זיי איז געלייגט געווארען דער פונדאמענט פון דער ערסטער קאָלאניע אין ווירדזשיניע.

דיעזע נייע איינוואנדערער האבען ניט געוואלט לעבען קאָמו־ניסטיש, ווייל זיי האבען געוואלט ארבייטען. דער וואס וויל אר־

פאטער ער זאל ניט טויטען דעם ווייסען מאַן. איהר פאטער האט עס איהר צוליעב געטהאן און קאפיטאן סמיטה איז אבגעשיקט געווארען צוריק נאך דזשיימסטאָן.

זיעבען וואָכען האט סמיטה זיך פערזאמט ביי דיא אינדיא־נער, ווען ער איז צוריק געקומען האט ער געפונען אלעס ביי׳ן אונטערגעהן. בלויז פערציג פערזאָן זיינען געבליעבען פון דער גאַנצער עקספעדיציאָן, און דיעזע זיינען אויך געווען פערטיג צו אנטלויפען.

אלס קאפיטאן סמיטה האט מיט מיהע געמאכט עטוואס אָרדנונג מיט זיינע פערציג לייטע, האט ענגלאַנד איהם אריינ־געשיקט 120 נייע איינוואנדערער, וואס זיינען געווען נאך ערגער פון דיא ערסטע. צווישען דיא נייע האבען זיך געפונען א פאאר גאָלד־שמידען, וועלכע האבען באלד געפונען בלישצעדיגע ערד און האבען געמיינט, אז עס איז גאָלד. א גאָלד פיבער איז באלד בעפאלען אלע לייטע. קיינער האט ניט געוואלט הערען אדער זעהן וועגען פראקטישע ארבייט, יעדער האט זיך גענומען גראָבען גאָלד. קאפיטאן ניופאָרט האט אנגעלאדען א פולע שיף פון דיעזען גאָלד און איז אנטלאפען נאך ענגלאנד, נור אום צו ער־פאהרען, אז ער האט געבראכט זאמד ניט גאָלד.

מיט א צובראכענע הארץ האט זיך קאפיטאן ניופאָרט וויע־דער בעגעבען נאך ווירדזשיניע. דיעזען מאל האט ער געבראכט 70 עמיגראנטען צווישען זיי צוויי פרויען, דיא ערסטע ענגלישע פרויען אין אמעריקא. אבער אויך דיעזע איינוואנדערער האבען ניט געטויגט צו גרינדען א קאָלאָניע.

זיך ארומגעקריגט, און ארומגעריסען צווישען זיך און האבען גע־מאכט בלבולים אויף זייערע אנפיהרער. באלד אבער האבען דיא איינוואנדרערער דערזעהן זייער לאגע. דיא שפייז וואס זיי האבען מיטגענומען איז פערדארבען געווארען אויפ'ן וועג. זיי האבען קיין פעלד ניט בעארבייט, דארום האבען זיי ניט געהאט וואס צו שניידען. העלפט פון דיא איינוואנדערער זיינען אויסגעשטארבען איידער דער זומער איז אוועק. דיא אנפיהרער פון דיעזע איינ־וואנדערער האבען אוועק געגנבעט דיא ביסעל שפייז פאר זיך. אלערליי שטרייטיגקייטען האבען דארום געהערשט, ביז א געוויסער קאפיטאן סמיטה איז אויסגעקליבען געווארען פיר א פיהרער.

דיעזער נייער פיהרער האט זיך צוערסט געווענדעט צו דיא אינדיאנער נאך שפייז, דאן האט ער זיך גענומען צו שיסען ווילדע פויגלען, דאדורך האט ער פערזארגט זיינע קאמעראדען מיט לעבענס־מיטעל.

ווען אלעס איז געווארען אין ארדנונג, איז דיעזער פיהרער, קאפיטאן סמיטה, מיט איינינגע לייטע ארויס אויסצופארשען ווירדזשיניע. זיי זיינען אריינגעפאלען צו אינדיאנער, וועלכע האבען אלעמען געטוידט אויסער קאפיטאן סמיטה, וועלכען זיי האבען געבראכט צו זייער טשיף, וועלכער האט איהם פעראורטהיילט צום טויט. קאפיטאן סמיטה איז פארבערייטעט געווארען צום טויט. זיין קאפ איז שוין ארויפגעלייגט געווארען אויף א שטיין, אבער איידער דער שווערער אינדיאנער קלאב איז געפאלען אויף זיין קאפ איז דעם טשיף'ס א צוועלף יאהריגעס טאכטער גע־פאלען אויף דעם געבונדענעם קערפער, און האט געבעטען איהר

אצעאַן נאָך אין מיטען פון זעבצעהנטען יאהר־הונדערט, נור דיא ריכטיגע איינוואַנדערונג האט זיך אנגעפאנגען ערסט אין אנפאנג פון 17־טען יאהר־הונדערט, ווען דיא „לאנדאן קאמפאניע" איז אין 1607 אנגעקומען אין ד ז ש י י מ ס ר י וו ע ר, ווירדזשיניע.

דיא לאנדאן קאמפאניע, וועלכע האט געקראגען א טייטעל און טשארטער פון ענגלישען קעניג האט ארויסגעשיקט קאפיטאן ניו־פארט מיט דריי שיפען, וואס האבען געפיהרט 105 עמיג־ראנטין זיי זאלען זיך בעזעצען אויף'ן ראָאַנאק אינזעל, וואו איין קאלאניע איז מיט 20 יאהר פריהער אונטערגעגאנגען. דיעזע עקספעדיציאן האט געהאט ווענינ פאסענדע פערזאנען פאר א קאלאניזאציאן. קיין פרוי איז צווישען זיי ניט געווען, בלויז צוועלף ארבייטער אונד א פאאר מעכאניקער, דיא איבעריגע ווארען דזשענטעלמען, וואס האבען געטויגט צו לעבען פון צווייטענס ארבייט.

דיא רייזע פון דיעזע איינוואנדערער האט גענומען זעהר לאנג, ביז א ווינד האט זיי פערטריבען אין טשעסאפיק ביי, וואו זיי האבען געפונען א גוטען האפען צו לאנדען. דעם ריווער הא־בען זיי א נאמען געגעבען דזשיימס ריווער. זיי האבען דאן געזע־געלט ווייטער פונפציג מייל אויף דעם ריווער ביז זיי האבען געפונען דיא שעהנע האלבע אינזעל וועלכע זיי האבען אויסגע־קליבען פאר דער הויפט שטאדט פון ווירדזשיניע, און האבען עס א נאמען געגעבען דזשיימסטאון.

דיא אינדיאנער און זייער הערשער אין ווירדזשיניע ווארען פריינדליך צו דיא נייע געסט, אבער דיא איינוואנדערער האבען

אין וואלד אבער האט איהם איינער פון זיינע בעסטע פריינד דערשאסען אויף טויט (1687)

## דיא קאלאניאל עפאכע.

דער אונטערשיעד צווישען איינוואנדערונג (אימיגראציאָן) און קאָלאָניזאציאָן איז דערזעלבער, וויא צווישען אורח און בעל-הבית. — איינוואנדערונג הייסט, ווען מענשען קומען אין א לאנד ניט מיט דעם פעסטען בעשלוס זיך צו בעזעצען דאָרט פיר אימער, אונטער אלע אומשטענדען; נור זיי האבען איינגעוואנדערט צו ציהען וועלכע עס איז מאטעריעלע נוצען און, ווען עס וועט זיי לוינען וועלען זיי זיך דאן פעסט בעזעצען און בויען אין דער איינגעוואנדערטע לאנד זייער היים פיר אימער. קאָלאָניזאציאָן אבער הייסט, ווען מענשען קלייבען זיך צוזאמען צו גרינדען אין א לאנד א היימאטה פיר זיך און זייערע קינפטיגע דורות ניט קוקענדיג צו זיי וועלען האבען באלד נוצען פיר זיך אדער ניט.

איידער דיא נייע וועלט איז קאָלאָניזירט געווארען איז זיא בעזוכט געווארען פון גרויסע מחנות איינוואנדערער, וועלכע האבען נאר ניט ווילענדיג אויסגעטראָטען דעם וועג פאר דיא שפעטערדיגע קאָלאניסטען.

דיא צייט ווען אין אמעריקא זיינען געקומען נור איינוואנדערער האט געדויערט פון ענדע 16טען יאהר-הונדערט ביז נאהענט האלב פון 18-טען יאהר-הונדערט. געוויסע סטאציאנען פיר פישער האבען זיך שוין געפונען נעבען דיא ברעגעם פון אטלאנטישען

מארקעט. פינף יאהר האט ער פערבראכט מיט דיא אינדיאנער אין דיא קאלטע געגענדען פון קאנאדא און זיך אויסגעלערנט זייער שפראך. בעגלייט פון פראנצויזען און פריינדליכע אינדיא־נער, האט מארקעט און זיין פריינד זשאליעט געמאכט איין עקס־פעדיציאן צו דעם מיסיסיפי ריווער (1673). דארטען איז מאר־קעט אויך געשטארבען און געפונען א קבר אויפ'ן ברעג פון א קליין טייכעל, וואס טראגט ביז יעצט זיין נאמען. זיין נאכפאלגער איז געוועז קאוואליער דע לאסאל. זיין אמביציאן איז געוועז צו ערווערבען פיר פראנקרייך גאנץ נארד אמעריקא, איידער שפא־ניען אדער ענגלאנד וועלען עס ארייננחאפען אין זייערע הענד. מיט א פארטיי פון פונפציג פערזאן, פראנצויזען און אינדיאנער האט ער עררייכט דעם פלאץ וואו דער מיסיסיפי ריווער פאנגט זיך אן און דארט געבויעט א גרויסען סלופ און צלם, געבענדיג דער גאנצער געגענד דעם נאמען לואיזיאנא, צו עהרע פון פראנ־צויזישען קעניג לואיס דער 14־טער (1682). ער האט זיך אומ־געקעהרט נאך פראנקרייך, וואו דער קעניג האט איהם געגעבען פיער שיפען און דיא פאלמאכט איבער אלע נייע קאלאניעס וואס ער וועט גרינדען. מיט דרייהונדערט פערזאן איז ער ארויס אויף זיין צווייטער רייזע. דער קאמאנדיר פון דיא שיפען איז געוועזן דע לאסאל'ס פערזענליכער פיינד און אנשטאט זיך אפצושטעלען ביים מיסיסיפי ריווער, איז ער פערפאהרען ווייטער און געצוואונ־גען אלעמען ארויסצוקריכען און בעזעצען זיך אין איין אונערפארש־טען לאנד, אין טעקסאס. דע לאסאל האט געפרובט מיט א קליינער קאמפאניע צוריקצופאהרען און אויסזוכען זיין לואיזיאנא.

זיך געמוזט צוריק ציעהען, האבען זיי דאָך געטוידטעט פיעלע שפּאניער.

ווען פרילינג איז געקומען, האט דע סאָטאָ מיט זיין איבערגע־בליבענער אַרמעע עררייכט דעם מיסיסיפּי טייך, „דעם פאטער פון אַלע וואסערען", וויא דיא אינדיאנער האבען איהם גערופען.

אומזאָנסט האבען זיי געפּרובירט איבער צו שווימען דיעזען טייך, וועלכער שטרוימט זעהר שנעל און טראגט מיט זיך גרויסע ביימער! פיבער און אינדיאַנער פיילען האבען ביסלעכווייז פער־ניכטעט דיא גרעסטע העלפט פון זיין אַרמעע. פערצווייפעלט און פערלאסען איז דעסאָטאָ געשטאָרבען. זיינע חברים האבען איהם מורא געהאט צו בעגראבען, דיא אינדיאַנער זאלען זיך ניט דער־וויסען פון זיין טויט. זיי האבען דארום זיין קערפּער אראפּגעלאזען אין דער טיעפעניש פון מיסיסיפּי ריווער. דעסאָטאָ, וויא מיר זעהן, האט ניט געפונען, דעם עלדאָראדאָ (גאָלדענע לאנד), ער האט אבער ענטדעקט דעם מיסיסיפּי ריווער און האט צוערשט געגעבען שפּאניען דאס רעכט צו דעם לאנד, איבער וועלכען דיע־זער טייך פליסט.

פראנצויזען אבער, האבען דיעזען טייך גרינדליך אונטערזוכט און האבען דיא ערשטע געמאכט דארט קאָלאָניעס. זיי האבען אין דער זעלבער צייט געפונען איין אנדער גרויסען טייך, דעם סענט לאָורענס, האבען באַזעצט נאָווא סקאָטיא, און געגרינדעט דיא שטאדט קוויבעק. אנשטאט צו פערשקלאפען דיא אינדיא־נער וויא דיא שפּאניער, פלעגען דיא פראנצויזען פּרובירען זיי צו ציוויליזירען. איינער פון דיעזע ערדעלע מענשען איז געווען א גלח,

דורכשווימען טייכען, קלעטערן איבער בערג, דורכשניידען א וועג דורך געדיכטע וועלדער, און שלאָגען זיך מיט דיא ווילדע אינד־יאנער. דיעזע גאָלד־זוכער פלעגען קומען פון גאנץ אייראפּא. בע־ריהמט צווישען זיי איז געווען פּיזאַררא און פערדינאנד דע סאָטאָ צוזאמען האבען זיי בעזיעגט דיא אינדיאנער שבטים פון פּערו (Peru) און צונויפגעקליבען א מאַסע גאָלד און פּעריל. דע סאָטאָ האט זיך צוריקגעקעהרט נאָך שפּאניען, וואו ער האט זיך פּער־הייראַטהעט צו זעהר א רייכער פרוי פון אדעלען ראנג.

זיין ליידענשאפט פיר גאָלד איז אבער ניט געווארען קלענער און ווען ער האט געהערט דיא געשיכטע פון דיא רייכטהימער פון פלארידא, האט ער געבעטען און אויך געקריעגען ביי דעם שפּאנישען קעניג טשארלעס דעם 5טען דאס ערלויבניס צו בעזי־גען און איינצונעהמען פלאָרידע. מיט איהם זיינען מיטגעפאָהרען זעקס הונדערט מענער, קינדער פון עדעלע און רייכע עלטערען מיט זייערע דיענער. נאָך פיעלע שלאכטען מיט דיא אינדיאנער איז דע סאָטאָ'ן געלונגען אריינצודרינגען אין פלאָרידאַ. ער האט אבער קיין גאלד דאָרט געפונען. ער איז געפאהרען ביי לאנד וויטער. איבעראל זיינען דיא אינדיאנער געווען געגען איהם מיט זיינע מענשען פיינדליך, ווייל דע סאָטאָ'ס גרויזאמקייט איז גע־ווארען שנעל איבעראל בעוואוסט.

איין מאל ביי נאכט, ווען דע סאָטאָ און זיין ארמעע זיינען געשלאָפען, זיינען דיא אינדיאנער זיי בעפאלען פון אלע זייטען, פערברענט זייערע הייזער, און אָבוואָהל, דיא אינדיאנער האבען

דער צווייטער פאָרשער איז געווען איין ענגלענדער פראַנסים דרייק. ער האט ערדייכט דעם פאַסיפיק אָושען אויף דעם זעלבען וועג וויא מאַגעללאַן. דארט האט ער אָנגעפאַנגען צו ראַבעווען און פלינדערען דיא איינוואָהנער מיט זעלטזאַמען ערפאָלג. ער האט אַטאַקירט און פערניכטעט פיעלע שפּאַנישע שיפען און פעסטונגען. נאכהער, פירכטענדיג, דאס שפּאַניען וועט שיקען איין ארמעע געגען איהם וועלכע וועט וואַרטען ביים סטרייט מאַגעלאָן איהם צו כאַפּען, איז ער אַוועק צו דער נאָרד. נאך עטליכע וואָכען אומגליקליכע רייזע האט ער זיך אָפּגעשטעלט אין דעם ביי פון סאַן-פראַנציסקאָ. דיא איינוואָהנער וועלכע האבען ביז דאַן קיין ווייסע ניט געזעהן האבען איהם בעגעגנעט מיט פרייד און געקריינט איהם פאַר זייער קעניג. ער איז געבליבען ביי זיי אין גאַנצען פינף וואָכען, האט אנגערויבט פיעל גאָלד און זילבער, האט א נאמען געגעבען דער גאַנצער שטרעקע לאַנד „ניו-אל-ביאָן" אדער „ניי-ענגלאַנד" און איז דורך דעם פאַסיפישען אָצעאַן אריין אין דעם אינדיאַנישען מעער, פון דאָרטען נאך אפריקאַ, און פון אפריקא צוריק נאך ענגלאַנד.

דיא קעניגין עליזאַבעט פון ענגלאַנד און דאס גאַנצע ענגלישע פאָלק האבען איהם אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד. עליזאַבעט האט צוגענומען א טהייל פון דיא אָנגערויבטע גאָלד און זילבער און דערפאַר איהם געגעבען א טיטול „סער פראַנסים דרייק".

גאָלד אין זילבער איז אלזאָ געווען דער איינציגער צוועק פון אלע אַמאָליגע פאָרשער און רייזענדע. צוליעב דעם פלעגען זיי פערלאַסען היים, ווייב און קינדער, אויסשטעהן אלע געפאַהרען,

ענדליך האט ער דאָך ערררייכט דאס וואסער וועלכעס ער האט א נאמען גענעבען „סויט זעע". יעצט הייסט עס שטילער אָצעאַן (פאסיפיק אָושען). פאלענדיג אויף דיא קניע, האט ער איינגע־גראָבען א גרויסען צלם און א פלאג, צייגענדיג דאמיט, דאס דיעזע גאנצע וועלט-טהייל בעלאנגט צו שפאניען.

נאָך פיעלע טעג שווערע ארבייט איז איהם געלונגען צו צו־קומען צום ים, וואו ער האט געפונען פיעל גאָלד און פעריל. צוריק קומענדיג צו זיין קאָלאָניע האט זיין רייכטהום איהם פער־שאפט פיעל פיינדע. דיעזע האבען איהם געמסרט פאר דעם קעניג, וועלכער האט איהם אראָפּגעוואָרפען פון אמט. באלד נאכדעם האט מען איהם וויעדער געמסרט דאס ער וויל מאכען איין איינענע רעגיערונג. מען האט איהם געפאנגען, פעראורטהיילט און געזעצ־ליך ערמאָרדערט.

דאָך זיין פערדיענסט אין איבערצייגען דאס קאלומבוס האט געהאט א טעות איז ניט פערפאלען געווארען. פיעלע אנדערע רייזענדע און פאָרשער האבען זיך בענוצט דאמיט. איינער פון זיי איז געוועזען מאגעללאַן, א פּאָרטוגעזער, וועלכער איז אריבער דעם אטלאנטישען אָצעאַן און געפונען דעם וואסערדיגען דורכגאנג וואס טראגט ביז יעצט זיין נאמען: „סטרייט מאגעללאַן". אזוי האט ער עררייכט דעם אָצעאַן וועלכען באלבאָאַ האט צום ערשטען דערזעהן. געפינענדיג דיא וואסער שטיל און רוהיג, האט ער עס א נאמען געגעבען, דער שטילער אָצעאַן. פאָהרענדיג ווייטער איז ער אויף איינע פון דארטיגע אינזלען אטאקירט געווארען פון אינדיאנער און ערמאָרדעט געווארען.

אויסגעהרגט פיעלע שפּאניער און דיא איבּריגע פּערטריעבּען. פאָנס דע לעאָן זעלבּסט האט געקריעגען א טויט וואונד, פון וועלכע ער איז נאכהער געשטארבּען אין קובּא.

וויא עס איז שוין דעם לעזער בּעוואוסט האט קאָלומבּוס געגלויבט, אַז דאס גאנצע לאנד וואס ער האט ענטדעקט, זיינען בּלויז אינזלען פון אינדיען, אלע זיינע נאכפאָלגער, גאנצע צוואנציג יאָהר, זיינען געוועזען פון דערזעלבּער מיינונג. דער ערסטער אויס־צוגעפינען דיעזען טעות איז געוועזען דער שפּאנישער גאָווערנאר בּאלבּאָוא. ער האט א מאל געוואויגען גאָלד אין א וואָג שאָל, איין אינדיאנער וואס איז געשטאנען דאבּיי, האט א שמיטץ גע־טהאן דיא וואָג־שאָל און אויסגעשיט דאס גאָלד אין אלע זייטען.

„אויב דאס איז וואס איהר שעצט אזוי פיעל" — האט ער געזאגט — „וועל איך אייך צייגען א פלאץ וואו איהר קענט געפינען פיעל דערפון. אויף דער אנדערער זייט פון דיעזע בּערג (צייגענדיג נאך צפון) איז פאראן א גרויסער ים, אלע טייכען וואס רינען אראפּ פון דיא בּערג אין דיעזען ים, זיינען פול מיט גאָלד. דער קעניג פון יענעם פאָלק טרינקט פון גאָלדענע בּעכער און גאָלד האט דארט אזא ווערטה וויא בּיי אייך אייזען".

דיעזע רעדע האט געגעבּען בּאלבּאָוא נייעס לעבּען. ער האט בּאלד פערפערטיגט איין עקספּעדיציאָן איבּערצופּאהרען דיא בּערג. שוועריגקייטען האבּען איהם אפּגעהאלטען אויף יעדען שריט און טריט. ער האט געמוזט מלחמה האלטען מיט דיא אינדיאנער, און דער קלימאט אויף דיא בּערג איז געוועזען זא הייס דאס פיעלע פון זיינע מענשען זיינען געשטארבּען אויפ'ן וועג.

זיינען געווען גליקליכער פון פיעלע אנדערע אין דעם, דאס זיי האבען עררייכט דעם צענטער פונקט פון נאָרד אמעריקא, ביז דאן נאך ניט ענטדעקט. אויפ'ן צווייטען יאָהר האבען זיי ווידער געמאכט א רייזע און געפונען ניו־פאָנדלענד.

פון שפאניען איז אין דער זעלבער צייט אויך ארויסגעפאהרען איין אלטער סאלדאט, פאָנס דע לעאָן. ענטציקט מיט דער שעהנהייט און גוטען קלימאט פון פאָרטאָ ריקא, האט ער געבעטען פערדינאנדען ער זאל איהם מאכען פיר גאָווערנער פון דיעזע אינזלען. ער האט אבער זעהר שלעכט בעהאנדעלט די געבוי־רענע איינוואהנער, מאכענדיג זיי פאר שקלאפען וויא אלע שפא־ניער האבען געטהאָן, און פערדינאנד האט איהם אראפגעזעצט פון זיין אמט. ער איז אבער ניט צוריק געפאהרען נאָך שפאניען, נור געבליבען אין אמעריקא, זוכענדיג דעם וואונדערבארען פאָנ־טאן פון לעבען. ער, וויא פיעלע אנדערע האבען געגלויבט דאס עס גיעבט א פאָנטאן, וועמעס וואסער האט אין זיך די קראפט צו מאכען פון אלט ווידער יונג און פון קראנק געזונד.

נאך פיעלע רייזען איז ער געקומען איבער א שטיק לאנד, געגצליך בעדעקט מיט בלומען. דאס איז געווען דער ערשטער טאָג פון קריסטליכען פסח וועלכער הייסט ביי די שפאניער פאסקוא פלאָרידא. ער האט דארום דעם ניי־געפונענעם לאנד א נאמאן געגעבען פלאָרידא (אין 1512). זיין זוכען נאך דעם פאָנ־טאן, איז זעלבסטפערשטענדליך, געווען אומזאנסט. שפעטער איז ער ווידער געקומען אהין מיט א גרויסע עקספעדיציאָן צו גרינ־דען דארט א קאלאָניע. די אינדיאנער האבען זיי אטאקירט,

עמיגראנטען אין נייעם לאנד. א בעאמטער איז געשיקט געווארען דיא זאך צו אונטערזוכען, דיעזער בעאמטער איז אויך געוועזען א פיינד פון דעם ענטדעקער, אדמיראל קאלומבוס, און ער האט קאלומבוסען א געשמיעדטען אין קייטען אפגעשיקט נאך שפאניען. דאס פאלק האט שטארק פראטעסטירט און קאלומבוס איז בע־פרייט געווארען. נאך דעם טויט פון איזאבעלאן, וועלכע איז געוועזען קאלומבוס׳עס בעסטער פריינד, האט דער אונדאנקבארער קעניג פערדינאנד ווידער שלעכט בעהאנדעלט דעם, וואס האט געלייגט צו זיינע פיס א נייע וועלט. אלט, קראנק און פערלאסען איז קאלומבוס געשטארבען אין ארימקייט. זיין קערפער איז צוויי מאל אויסגעגראבען און איבערגעפיהרט געווארען, ביז יעצט ענדליך געפינט זיך קאלומבוסעס קערפער אין דעם קאטעדראל פון האוואנא, קובא, און אויף זיין מצבה שטעהט דיא קורצע אונטערשריפט: „א וועלט איז זיין מאנומענט!“

נאך קאלומבוסעס טוידט האט איין איטאליענער געמאכט א רייזע נאך דעם ענטדעקטען לאנד און צוריקעהרענדיג עס פינקטליך בעשריעבען און געמאכט דערפון דיא ערשטע געאגרא־פישע קארטע. דיעזער איטאליענער האט געהייסען אמעריגא וועספוטשי, און דער נאמען אמעריקא, איז פערבליבען ביז יעצט.

דיא ענטדעקונג פון קאלומבוסען האט אויפגערעגט גאנץ אייראפא. פון יעדען לאנד האבען זיך א לאז געטהאן טאפפערע מענער, וועמען דיא געשיכטעס פון רייכטהימער און פרוכטבארע לענדער האבען געצויגען צו פרובען זייער גליק. פון ענגלאנד זיינען ארויסגעפאהרען דזשאן קאבאט און זיין זוהן סעבאסטיאן. דיעזע

פערלאָזענדיג סאַן סאַלוואַדאָר האט קאָלומבוס ענטדעקט אַנדערע אינזלען און דעם גרעסטען פון זיי א נאָמען געגעבען קובא. איין אַנדער אינזעל האט ער גערופען היספּאַניאָלאַ (קליין שפּאַניען). דאָרט איז זיינע א שיף צובראָכען געוואָרען און פון דעם האָלץ האט מען אויפגעבויט א מין שלאָס, וואו פיעלע פון די מאַטראָזען האבען זיך בעזעצט. מיט די איבריגע איז קאָלומבוס צוריקגעפאָהרען נאָך שפּאַניען.

זיין אריינטריט אין פּאַלאַסט איז געווען א טריאומף. איבעראַל האט מען איהם בעגעגנעט מיט מוזיק אַלס זיעגער. אין קעניגליכען הויף, וואו מען האט איהם אויפגענומען מיט גרויס עהרע, האט ער דערצעהלט די געשיכטע פון זיין רייזע, בעשרייבען דאס ניי לאַנד, און געצייגט איינינע קופּער-פּאַרביגע אינדיאַנער, וועלכע ער האט מיט זיך מיטגעבראַכט.

קאָלומבוס האט נאָכהער געמאַכט נאָך דריי רייזעס אין דער נייער וועלט, האט ענטדעקט פיעלע נייע אינזלען און געגרייכט ביז סויט אַמעריקא. ער האט אבער אליין זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, דאס ער האט ענטדעקט א נייע וועלט-טהייל. ער האט אימער געדענקט, דאס זיינען אלע אינזלען פון אינדיען און דארום גערופען די איינוואָהנער אינדיאַנער. שפּעטער האט מען דיעזע אינזלען א נאָמען געגעבען „וועסט אינדיען", און יענע אינדיען אין אזיען, — „איסט אינדיען".

אַלס זיגער האט קאָלומבוס זיך געמאַכט זעהר פיעל פיינדע. דיעזע האבען געווירקט אויף דעם קעניג פון שפּאַניען ער זאָל גלויבען, דאס קאָלומבוס בעהאַנדעלט שלעכט די שפּאַנישע

דאס נייע לאנד. ווען ניט, האט ער פערשפראכען צוריק צו קעהרען.

פרייטאג, דען 12־טען אקטאָבער דעמזעלבען יאהר, האט א מאַטראז, וועלכער האט געהיט א גאנצע נאכט, דערזעהן א בע־וועגענדעס ליכט און ער האט אויסגעשריען: „לאנד, איך זעה לאנד !" דאס איז געוועז איינער פון די באהאמאַ אינזלען. אויפ'ן ברעג האט מען געקענט זעהן די איינוואָהנער ארום לוי־פען אין ווילדער אויפרעגונג. קאלומבוס, געקליידעט אין א רייך בעפוצטען אנצוג געשטריקט מיט גאָלד, מיט דעם פלאַג פון שפּאניען אין דער האנד איז צוגעפאָהרען מיט מאטראָזען צום ברעג אין קליינע שיפלעך. דארטען זיינען אלע געפאלען אויף די קניע און געקושט די ערד. די מאטראָזען האבען געבעטען אום פערצייאונג ביי קאלומבוסען פאר זייער אונצופריעדענהייט און צווייפעל.

קאלומבוס האט באלד ערקלערט דאס לאנד דאס אייגענטהום פון פערדינאנד און איזאבעלא און עס א נאמען געגעבען סאן סאלוואדאָר. די ווילדע איינוואָהנער זיינען אנטלאָפען ערשרא־קענע און האבען זיך בעהאלטען אין די וועלדער. שפּעטער הא־בען זיי בעקומען מעהר קוראזש און האבען בעטראכט די נייע געסט מיט וואונדער, געטאפּט זייערע בערד, הענד און פיס, דענקענדיג דאס זיי זיינען מלאכים אראפּגעפאלען פון הימעל. זיי האבען געגעבען די שפּאניער, ציערונג פון גאָלד פיר גלעקלעך און גלעזערנע קרעלען, צייגענדיג מיט די הענד נאך דער סויט, וואו עס געפינט זיך פיעל אזעלכע גאָלד.

זיעבען לאנגע יאהר האט זיך קאלומבוס אזוי ארומגעשלעפּט פון איין קעניג צום אנדערען און אהן ערפאָלג. ענדליך, ווען ער האט שוין געוואלט אויף עוויג פערלאסען שפּאניען האט איהם דיא קעניגין איזאבעלא געשיקט רופען. זיא האט איהם זעהר פיין אויפגענומען און ווערענדיג פעראינטערעסירט אין דער שילדע־רונג פון זיין אידעע האט זיא אויסגערופען: „איך נעהם אויף זיך דיעזע אונטערנעהמונג און וועל פערזעצען מיין ציהרונג אום צו קריגען דאס נעטהיגע געלד.“

מיט דריי שיפען האט קאלומבוס פערלאסען דעם האפען פון פּאלאָס, שפּאניען (3־טען אויגוסט 1492) דיא שיפען זיינען גע־ווען זעהר קליין, ניט גרעסער פון געוועהנליכע טייך־שיפלעך. פיעלע מענשען האבען איהם גערעכענט פיר וואהנזיניג. אזוי זי־כער איז ער אבער געוועזן אין זיך און אין זיין פּלאן, דאס ער האט מיט זיך מיטגענומען דעם טיטול פון אדמיראל און וויצע־קעניג איבער אלע לענדער, וואס ער וועט ענטדעקען. נאך א רייזע פון זעקס טעג זיינען דיא שיפען אָנגעקומען נאך דיא קאנאריען אינז־לען, וואו זיי זיינען געבליבען א גאנצען מאָנאט צו פעררריכטען א טהייל פון איין שיף, וועלכע איז צובראָכען געווארען אויפ׳ן וועג.

ווען קאלומבוס האט פערלאזען דיא אינזלען, האט זיך אנגע־פאנגען א בונט צווישען זיינע מאטראָזען, וועלכע האבען געשריען, דאס ער פיהרט זיי צום זיכערען טויט. עס איז געקומען זאָ וויית, דאס זיי האבען גערראָהעט צו ערמאָרדען קאלומבוס און איהם אריינוואַרפען אין ים. קאלומבוס האט זיי ענדליך דאָך איינגע־שטילט דאמיט, דאס ער האט גענעבען דריי טעג צייט צו געפינען

זיין גאַנצע יוגענד פערבראַכט אויפען ים. ער איז געווען זיכער דאס דיא ערד איז קיילעכדיג און דאַרום האט ער געדענקט, דאס ווען ער וועט פאהרען גאך מעריב זייט וועט ער קומען נאך אינדיען, אין אַנדערע ווערטער, ער האט געגלויבט, דאס דער קירצעסטער וועג נאך אינדיען פון אייראָפּאַ איז דורך דעם אַט־לאַנטישען אָצעאַן. ער איז געווען זעהר אָרעם און דאַרום אונפע־היג אַליין צו פאָרמירען איין עקספּעדיציאָן מיט שיפען און אַלעס נעטהיגעס. ער האט זיך געווענדעט מיט א ביטע צו דער רעפּוב־ליק פון ושענאָוא, און נאכהער צו דיא מאָנאַרכען פון פּאָרטוגאל און ענגלאַנד. קעניג דזשאָן פון פּאָרטוגאַל האט איהם אויסגע־הערט און איבערגעגעבען זיין פּאָרשלאַג צו אַ קאָמיטעע פון גע־לעהרטע. דיעזע געלעהרטע נאך פיעלע דעבאַטען האבען ערקלערט קאָלומבוס'עס פּלאַן אַלס נאַריש און אונפּראַקטיש. אין דער זעלבער צייט, האט דער קעניג, שטילערהייט ארויסגעשיקט אַ שיף, אָנזאָגענדיג דעם קאַפּיטאַן צו פאהרען אויף דעם זעלבען וועג, וויא קאָלומבוס האט פּאָרגעשלאַגען. אפּפאהרענדיג עטליכע טעג און זעהענדיג מעהר ניט וויא הימעל און וואַסער ארום און ארום האט זיך דער קאַפּיטאַן צוריקגעקעהרט מיט דעם בעריכט, דאס קאָלומבוס'עס פּלאַן איז אַ פאַנטאַזיע.

קאָלומבוס האט פערלאַזען פּאָרטוגאַל און האט זיך געווענ־דעט צו שפּאַניען. דאָרטען איז זיין פּאָרשלאַג אויך איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ פערזאַמלונג פון פיליזאָפען און געלעהרטע, וועלכע האבען אויך בעשלאָסען, דאס קאָלומבוס איז וואַהנזיניג און זיין טהעאָריע איז אויף גאָר ניט בעגרינדעט.

# דיא געשיכטע פון אמעריקא.

## דיא ענטדעקונג.

אמעריקא איז דער וועסטליכער טהייל פון דער וועלט, דיעזער וועלט-טהייל פערנעהמט א (Western Hemisphere) שטח פון פונפצעהן מיליאָן און זיעבען הונדערט טויזענד סקווער מייל.

ווער עס האט בעוואָהנט דיעזען וועלט-טהייל ביז פאָר דער ענטדעקונג, איז נאך ביז יעצט ניט גענוי בעוואוסט. דאָ און דארט האט מען געפונען פון צייט צו צייט צייכענס פון איין אמאליגער ציוויליזאציאָן אין דער פארמע פון חורבות פון גרויסע טעמפלען, מאנומענטען, געוועהר און פערשיעדענע הייזליכע אר־טיקלען. פיעללייכט זיינען יענע מענשען געווען דיא אור-עלטערען פון דיא אינדיאנער, וועלכע מען האט ענדעקט צוזאמען מיט דער נייער וועלט.

דער ערשטער פון דיא אייראָפּייער צו דענקען דאס אויף דער אנדערער זייט פון אטלאנטישען אָצעאַן געפינט זיך א נייעס לאנד, איז געווען כריסטאפער קאלומבוס. ער איז געבוירען גע־ווארען אין דזשענוא, איטאליען פון ארימע עלטערען און האט

4236

*Copyrighted* 1898 *by Jacob Saphirstein.*

E178
B11

דיא

# געשיכטע פון אמעריקא

## אין דריי טהייל

ערסטער טהייל, דיא ענטדעקונג. — צווייטער טהייל, דיא געשיכטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.—דריטער טהייל, דיא קאָנסטיטושאן

—פון—

נ. מ. באבאד.

1טער טהייל

ניו יאָרק

פערלאג פון יעקב סאפירשטיין 228 מעדיסאן סטריט.

THE HISTORY OF AMERICA

by

NATHAN M. BABAD

NEW YORK,
Published by Jacob Saphirstein,
228 Madison St.

LIBRARY OF CONGRESS
OFFICE OF
MAR 24 1898
Register of Copyrights
2nd COPY,
1898.
1898-18410
TWO COPIES RECEIVED.

MAR 31 1899
Library of Congress

# דיא געשיכטע פון אמעריקא

# די
# געשיכטע פון אמעריקא

THE LIBRARY OF CONGRESS

THE LIBRARY OF CONGRESS

LIBRARY OF CONGRESS
0 011 414 710 2